Ro
35V
4396

## דער

# פורים שפיגעל

דאס איז איינע וואונדער שיינע שילדערונג (בעשרייבונג)
פון איינעם קינדעשען פורים אין וועלכער עס שפיגעלט
זיך אפ דאס ווירקליכע לעבין פון דעם מענשען · עס
איז דא אין איר גענוג צוא לאכען אונד צוא וויינען ·
צוא בעלוסטיגען זיך אונד צוא גריינען ·

בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי ירושלים

## ווילנא

בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר׳ מנחם מן ראם

שנת תר״ל לפ״ק

---

**ПУРИМЪ ШПИГЕЛЪ.**

**или**

Разсказъ изъ Еврейскаго быта.

**ВИЛЬНА,**

**Въ типографіи Р. М. Ромма. 1870**

**На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ**

**подъ №№ 327 и 328.**

Дозволено цензурою 19 Февраля 1870 г. Вильна

R035V
4396

R H93 ; H93

## דֶער ,חוֹדֶשׁ אֲדָר

אָ װֵײהֶע װֵײהֶע דָאשׁ ,דיא יוּגֶענְד יָארִין זַײנֶען שׁוֹין אִיבֶּער גִילָאפִּין אוּנ פַּאר שְׁװוּאוּנְדֶען · אוּנ מִיט זַײא צוּא גְלַײך אוֹיך אַלֶע מַײנֶע פְרַײדִין טֶעג · אָ װִיא לִיבְּלִיך װָארִין מִיר דַאן ,דיא שַׁבָּתִים אוּנ דִיא יָמִים טוֹבִים · יֶעדֶער אָװֶענְד אוּנ יֶעדֶער מָארְגִין הָאבִּין מִיך מִיט אֵײנֶעם נַײעֶם מוּטְה בַּאלֶעבְּט · אִין יֶעדִין מָאנַאט זַײנֶען מִיר נַײעֶ פְרַײדִין אוּנ נַײעֶ בֶּעלוּסְטִיגוּנְגֶען צוּא גִיפְלוֹיגִין · אִין יֶעדֶער יַאהְרֶעס צַײט (תְּקוּפָה) אִיז מִיר צַײטִיג גִיוָוארִין אַײן אַנְדֶער שְׁפִּיל · אִיך הָאבּ מִיך גִיפְרַײט מִיט דֶעם פְרִיהְלִינְג (װְיֶאסְנַא) װִיא עֶס פְרַײעֶט זִיך אַײן רַאסְטַאנְט װָאשׁ הָאט שׁוֹין נִיט גִיהָאפְּט פְרַײא צוּא װֶערִין אַמָאל · מִיט דֶער פְלֶעצְלִיכֶע פְרַײהַײט · אוּנ אַזוֹ װַאר אִיך מָלֵא שִׂמְחָה אַנְטְקֶעגִין דֶעם זוּמֶער װָאשׁ עֶר אִיז דֶער פָאטֶער פוּן אַלֶע פֶערְגְנִיגִין אוּנ עֶרְקְװִיקוּנְגֶען · אוּנ נִיט װֵײנִיגֶער פְלֶעגְט מִיר גִיפֶעלִין אוֹיך זֶעלְבְּסְט דֶער װִינְטֶער · װָאשׁ מֶעהְר קֶעלְטֶער װַאר אִיך אַלְץ מֶעהְר פְרִישֶׁער · אוּנ װָאשׁ גְרֶעסֶער דֶער פְרָאסְט װַאר הָאבּ אִיך גִימַאכְט אַלְץ מֶעהְר בַּאלִין פוּן שְׁנֵייא אוּנ תְּהִימוֹת פוּן קָאפֵּײקֶעס אוֹיף דִיא גִיפְרָארֶענֶע שׁוֹיבִּין · אוּנ װִיא שְׁטַארְק פְלֶעג אִיך מִיך פוּן אֵײנַאנְדֶער לַאכִין אַלְס אִיך פְלֶעג מִיך אוֹישׁ גְלִיטְצִין אוּנְטֶער דֶעם גְרוֹיסִין לַארֶעם פוּן מַײנֶע קְלֵײנֶע חֲבֵרִים װָאשׁ אִיך הָאבּ מִיך מִיט זַײא גִיװֶעט דָאשׁ אִיך זָאל זַײא אִיבֶּער יָאגִין דָארְט אוֹיף דֶעם גְלִיץ װָאס מִיר הָאבִּין אִים אוֹישׁ גֶעגְלֶעט אוֹיף דִיא גִיפְרָארֶענֶע טַײכִין · פְלֶעגִין מַאכִין לַארֶעם אִיבֶּר מַײן פַאלִין װִיא אִיבֶּער אֵײנֶעם אָן גִיהָאפְּטִין ,דִיבּ · בַּאלְד אָבֶער

האב

האב איך פון זייא אפ גילאכט צוא ריק אויף זייער פאלין · אונ וואר דער ביייא העכסט גליקליך :

אונ וויא טייער אונ ליבליך וואר מיר דאן דיא טעג פון דעם חודש אדר וואש וואר וויא פארויס רייטער פאר דעם גרוישין ארמייא פון פריידין וואש גייען אים נאך · דען דאן האט זיך אלעם צוא גוטין גיענדערט פאר מיך · זעלבסט דער סדר הלמוד אין חדר האט גינומען דאן איינע בעסערע ווענדונג (נאפראוולענע) · דען אן שטאט דעם שווערין למוד פון גמרא האט מען אן גיהייבין צוא לערנען מגלת אסתר · תרגום שני · דער רבי האט אויש גימאלט פאר אונז מיט זיינער אלטין אינדיצענע פעדער · דעם חושן ואפוד · דיא מנורה · דעם שולחן לערנענדיג תרומה תצוה · אויך האבין מיר שוין אויף גיהערט צוא לערנען ביייא נאכט · אונ האב גימאכט קליינע מאלצייטין אין דער היים מיט מיינע חברים וואש איך האב זייא אלע טאג אום גיבעטין אויף אנדערע · דאש הייסט אויף אזעלכע וואש האבין אפ גימאכט צוא ריק איין בעסערין מאלצייט ביייא זיך אין דער היים איך האב גימאכט מילכלאך אויף דיא רינסטיקעם וואש וארין דאן שוין זייער גרויס פון דעם גישמאלצענעם שנייא · זייער רוישין וואר מיר דאן גישמאק וויא איינע זיסע מוזיק אונ האבין מיר גישיינט דאש זייא קוועלין ארויס נור פון אונטער דעם גן עדן שוועל · אויך פלעג איך אויף דיזע קליינע גוועסער אראפ צוא לאזין קליינע שיפעלאך וואש איך האב זייא גימאכט פון קליינע ברעטלאך מיט קליינע שטיינגלאך אין וועלכע איך האב אריין גישטעקט איין פאסיק פאפיר פאר איין זעגיל אונ מאקסט · אונ האב מיך גיפרייט צוא זעהען וויא זייא שווימען ביז דעם טויער פון דעם צווייטין הויף · וויא דיא איינגלענדער דיא גרעסטע קויף לייטע פון דער גאנצער וועלט · פרייען זיך איבער זייערע שווער באלאדענע האנדעלם שיפין וואש קומען אן גליקליך פון אסטאינדיען אין דעם זיכערין האפען פון לאנדאן :

„בִּיז דֶעם טוּיעֶר פוּן צְוֵוייטִין הוֹיף„ יוֹא בִּיז אַהִין נוּר ·
דֶען אַיין גְרֶעסֶערִין מֶרְחָק דֶר פַר הָאבּ אִיךְ דַאן נָאךְ נִיט גִיוואוּסְט ·
דֶער דְרִיטֶער טוּיעֶר וַואר מִיר דַאן שׁוֹין וִויא אַיין אוֹיסְלַאנְד ·
דָאשׁ עֶנְדֶע פוּן מַיין גַאס אִין וֶועלְכֶר אִיךְ הָאבּ גִיוואוֹנְט וַואר מִיר
דַאן וִויא אַיין עֶק וֶועלְט · מַיין בֶּעטֶעלֶע אִין וֶועלְכֶע אִיךְ פְּלֶעג
דַאן צוּא שְׁלָאפִין וַואר מִיר דַאן גִינוּג גְרוֹיש וִויא אַיין לַאנְד וָואשׁ
הָאט קֵיינֶע גְרֶענֶעצִין · וָואשׁ אָן שְׁטָאט דֶעם אִיצוּנְד דָאשׁ אִיךְ
בִּין שׁוֹין אַיין דֶער וַואקְסֶענֶער מַאן אִיז מִיר צוּא אֵיינְג דִיא גַאנְצֶע
וֶועלְט · גַאנְץ צוּא שְׁרָאקִין אוּנ פַאר וואוּנְדֶערְט בִּין אִיךְ גִיבְּלִיבִּין
שְׁטֵיין אַלְס אִיךְ בִּין צוּם עֶרְשְׁטִין מָאל גִיוָואר גִיוָוארִין · דָאשׁ
אוּנְזֶערֶע עֶרְד אִיז נוּר אַזוֹי גְרוֹישׁ דָאשׁ מֶען קֶען אִיר אַרוּם גֶעמֶען
מִיט אַיין שְׁנוּר וָואשׁ אִיז נוּר לַאנְג 5400 מַייל · „אָ וַוייהֶע מִיר„
הָאבּ אִיךְ דַאן אוֹישׁ גִישְׁרִיעֶן · אוֹיף אַזוֹי אַיין קְלֵיינֶע שְׁטִיקִיל
בְּלָאטְקֶע זָאל אַזוֹי אַמֶענְטְשׁ וִויא אִיךְ זַיין לֶעבִּין פַאר בְּרֵיינְגֶען ·
פוּיא עֶס אִיז מִיר דָא אוּנְטִין הֶעכְּסְט צוּא אֵיינְג · עֶס שְׁטֵייט מִיר
נִיט אָן צוּא וואוּנֶען אוֹיף אַזוֹי אַשְׁוֶועבֶּענְדִין זַאנְד קָארִין וִויא
אוּנְזֶערֶע עֶרְד אִיז · אוּנ וַואר הֶעכְּסְט פַאר דְרִיסְלִיךְ אוֹיף דִיא
אַסְטְרָאנָאמִיקֶער (תוֹכְנִים) וָואשׁ זַייא הָאבִּין אִיר אַזוֹי אַיין צוּא
קְלֵיינֶע מָאס צוּא גִיגֶעבִּין · „אָ מֶעכְטֶע אִיךְ פְלִיגְלֶען הָאבִּין„ הָאבּ
אִיךְ דַאן אִין זִיךְ גִיטְרַאכְט · וָואלְט אִיךְ מִיט אֵיינֶעם שׁוּפ אַרַיין
גִיפְלוֹיגִין אִין דִיא לֶענְדֶער פוּן דֶעם שְׁטֶערִין שַׁבְּתָאַי (זַאטוּרֶען)
וָואשׁ דִיא אַסְטְרָאנָאמִיקֶר הָאבִּין אִים פַאר גְרֶעסֶערְט פִינְף הוּנְדֶערְט
מָאל מֶעהר אַלְס דֶעם שְׁטֶערִין (דָאשׁ הֵייסְט דִיא עֶרְד) אוֹיף
וֶועלְכִין אִיךְ וואוּנֶע אִיצוּנְד°) :

אוּנ

---

°) דִיא אַסְטְרָאנָאמִיקֶער זָאגִין דָאשׁ אוּנְזֶער עֶרְד אִיז אַזוֹי אַשְׁטֶערִין וִויא אַלֶע שְׁטֶערִנְס אוּנ זֶעהֶעט אוֹישׁ בַּייא דִיא אַיין וואוֹנֶער פוּן יֶענֶע שְׁטֶערִנְס וָואשׁ זַיינֶען אוֹיךְ בַּאוואוֹנְטֶע וֶועלְטִין וִויא זַייא זֶעהֶען אוֹישׁ בַּייא אוּנְז :

און עס וואר אלס איך האב מיך שוין זאט אן גישפילט מיט דיזע שפעלאך · האב איך זייא דער נאך אום גימאכט אויף המן קלעפלאך און אויף שרייער · איך האב זייא אום גימאכט מיט גרויש מיהע און מיט גרויש פלייס · און האב מיך גיפרייט אויף זייער ערסטין גיקלאפער פיל מעהר אלס איינע פרויא וואש וואר איינע לאנגע צייט איינע עקרה פרייעט זיך אויף דיא ערסטע שטימע פון איר ערסט גיבארענעם קינד · איך האב עס גידרייט און גיקלאפט און האבין מיך פארגעניגט וויא מיט איינע הימלישע מוזיק · דען אלע מענשליכע קאפעלייעם האבין דאן ביי מיר אויס גיזעהען וויא דאש טרעסקין פון דערנער און פון יאדלע אין פייער אנטקעגין דען געטליכן געפיל וואש עש האט אין מיר אויף גיוועקט דער רויש פון דיזע הייליגע אינסטרומענטין וואש איך האב זייא גימאכט מיט מיינע אייגענע הענט:

פון ראש חודש אדר אן און ווייטר האבין מיינע פים אמינוט ניט איין גירוהט אין שטוב · דאש בין איך גילאפין אין שטאדט אום צוא זעהען דיא טישלאך וואש זיינען בעדעקט מיט שלח מנות · און דאש בין איך גילאפין צו בעזוכין מיינע נייע און אלטע חברים אום אויש צוא פראבירען זייערע המן קלעפלאך און שרייערס · און אום אפ צוא ריידין ווען און וויא צוא שיקין זיך שלח מנות · און דיא אינגלאך וואש זיינען גישטאנען דער ביי אום עס צוא פאר קויפין האב איך גיהאלטין פאר דיא איינקלאך פון מרדכי און אסתר · אדער פאר דיא קינדער פון פורים זעלבסט · אדער אם ווייניגסטינס פאר דיא בנים פון דעם חרבונה זכור לטוב · און ווארען אזוי ביי מיר דיא גליקליכסטע אויף גאטעס וועלט · דען וואש בלייבט זייא נאך איבעריג צוא ווינצען זיך · ווען זייא האבין דיא שענסטע זאכין וואש קען נור אויף דער ערד געבין:

איך פאר שטייא איצונד זייער גוט דאש איך האב דאן זיך מתקנא גיוועזן נור אן הוילע נארעסקייטין · אן קינדער שפילונגען נורי צום אום גליק אבער בין איך איצונד נאך ניט קליגער אלס דאן

דען

דֶען אִיךְ זָאג מִיר נָאךְ אִיצְטֶער נָאךְ אֵיינֶעם אִיבֶּער לוֹיפֶענְדֶען שָׁאטֶען אוּנ אוּמְמַארֶעמֶע אֵייגֶע פַאלְשֶׁע פַאנְטַאזִיֶע (דִמְיוֹן) נוּר זַיין אִיךְ בִּין נָאךְ פִיל דוּמֶער אַלְס דַאמָאלְס · דֶען דַאן הָאבּ אִיךְ מִיךְ מִתְקַנֵא גִיוֶוען נוּר אָן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִינְגְלַאךְ וָואשׁ הָאבִּין פַאר דִינְט זַייעֶר שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט מוּטֶערְלִיכְקַייט אוּנ הָאבִּין נִיט פַר לַאנְגְט קַיין מוֹתָרוֹת · אוּנ יֶעצְט בִּין אִיךְ מִיךְ מִתְקַנֵא אָן אוֹיס גִיוַאקְסֶענֶע אוּנ פַארְדָארְבֶּענֶע מֶענְטְשִׁין וָואשׁ בַּאקוּמֶען אַלֶע מוֹתָרוֹת דוּרְךְ אֵיינֶע גֶעהֵיימֶע פַאלְשְׁהַייט אוּנ דוּרְךְ אַיין פַארְבָּארְגֶענֶעם בֶּעטְרוּג · אַזוֹ וַואר מַיינֶע עֶרְסְטֶע קִנְאָה אֵיינֶע בְּלוֹיזֶע דוּמְהַייט · דִיא צְוֵוייטֶע אָבֶּר אִיז אֵיינֶע גְרוֹישֶׁע זִינְדֶע · אוּנ אֵיינֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּם רֶעכְט :

טָאג טֶעגְלִיךְ וֶוען אִיךְ פְלֶעג צוּא קוּמֶען פוּן חֵדֶר אַהֵיים פְלֶעג אִיךְ אַלֶץ צוּא דְרֵייעֶן מִיט דֶעם שְׁרַייעֶר · אוּנ פְלֶעג אַזוֹ בֶּעאוּנְרוּהִיגֶען אַלֶעמֶען וָואשׁ וַוארִין מִיט מִיר אִין שְׁטוּבּ · מֶעהְר פַאר אַלֶעמֶען דֶעם עֶנְדִיק וָואשׁ פְלֶעגְט דַאן שְׁפַּאצִירִין מִיט בְּרֵייטֶע טְרִיט אוּנ מִיט גְרוֹישׁ גַאֲוָה אִיבֶּער אַלֶע צִימֶערִין · דִיזֶער עֶנְדִיק וַואר דַאן דִיא גְרֶעסְטֶע אוּרְזַאכֶע (סִבָּה) פוּן יֶעדִין קְרִיג אוּנ צַאנְק צְווִישִׁין מִיר אוּנ דֶער דִינְסְט · צְווִישִׁין דֶער דִינְסְט אוּנ מַיינֶער מוּטֶער · דֶען וִויא נוּר אִיךְ הָאבּ אַדְרֵייא גִיטָאן מִיט דֶעם שְׁרַייעֶר הָאט עֶר אָן גִיהֵייבִּין שׁוֹין צוּא פְלִיהֶען מְשׁוּגָענֶער וַוייס אִיבֶּער דִיא הַייזֶער · הָאט אָן גִיהֵייבִּין צוּא הָאלְדֶערִין · הָאט אוֹישׁ גִישְׁלָאגִין אַשׁוֹיבּ · צוּא בְּרָאכִין אַשִׁיסִיל · אַשְׁפִּיגֶעל · אוּנ דָאשׁ עֶנְדֶע וַואר אֵיינֶע שְׁמַייסֶעדַייא · אָדֶער אֵיינֶע טְרַאנְסְפָּאטִירוּנג אִין חֵדֶר · אוּנ דָארְט הָאט מֶען זִיךְ שׁוֹין מִיט מִיר גוּט אוֹישׁ גִירֶעכִינְט אוּנ בַּאצָאלְט זִיבִּין מָאל מֶעהְר אַלְס אִיךְ הָאבּ פַאר דִינְט · אָט אַזוֹ הָאט מֶען מִיךְ שׁוֹין אַיין גִיוואוֹנְט פוּן מַיינֶער קִינְדְהַייט אָן צוּא בַּאצָאלִין דָאפֶּעלְט אוּנ דָאפֶּעלְט פַאר יֶעדֶען פַאלְשִׁין אוּנ אִיבֶּער לוֹיפֶענְדֶען פַארְגְנִיגֶען מִיט שְׁטְרָאמֶען בְּלוּט אוּנ טַייכִין טְרֶערִין :

בַּייא אַלֶע דִיזֶע גְרוֹיסֶע גִישֶׁעפְטִין מַיינֶע הָאבּ אִיךְ מִיר נָאךְ צַייט גִינוּמֶען צוּא קוּמֶען בֵּין מִנְחָה לְמַעֲרִיב אִין דִיא קְלוֹיזִין

צוּא

צוא הערין דיא זאגערס וואש זאגין אחשורוש מיט וואונדער שיינע דרשות · אונ צוא הערין וויא דיא ארעמע בחורים לערנען זיך צוא לייענען דיא מגלה דארט אין יענע הייזער וואו זייא עסין טעג · אין דיא שבתים טעג פלעג איך מיך ארײן גנבענען אין דיא הייזער וואו עס לערנען זיך דיא פורים שפּילער · אונ אלם מען האט מיך גיוואלט אפּט ארויש ווארפין פון דארט פלעג איך זאגין אליגין דאש המן אליין איז מיינער אפּעטער · אונ בייא אלעם דעם האב איך מיך גימוזט היטין פאר דעם באהעלפער וואש האט מיך דאן גיצאטשעוועט טריט אויף טריט :

## תענית אסתר.

אונ וויא וויכטיג אונ טייער ווער בייא מיר דיזער פאסט טאג · עס ווער איין טאג וואש איך ווער אין אים פרייא פון חדר · אטאג וואש עס האט זיך אין אים גיהערט שוין דיא נאהענטע טריט פון פורים · אטאג וואש איך האב גיוואלט פאסטין מיט פארגניגען · אונ האב מיך דער צוא נאך גיוועט מיט מיינע חברים דאש איך וועל זייא איבער פאסטין · אטאג וואש איך האב אין אים גיטראגין דיא שטופּע מאן צוא שטויסין מיט גרויש פאראד אונ מיט גרויש לארעם · דען קיינער האט ניט גיהאט אייגע אייגענע · מען פלעגט עס מוזין לייען איין שכן בייא דעם אנדערין · עס זיינען דאן מיט גיגאנגען אבאנדע אינגלאך · פארינט אונ הינטין אום צוא ווייזין דאש זייא קאנען געבין הונדערט קלעפּ מיט איין האנט · אונ ווער אזו אין דיזען טאג זייער באשעפטיגט · דאש ארום דער שטופּע ; אונ דאש ארום דיא המן קלעפּלאך · אונ דאש ארום לאקסען ברעט אום צוא זעהען וויא דיא מוטער מיט דיא דינסט מאכין דיא המן טאשין · טארטין · צוקער גיבעק · דיזע זעצט מען ארײן אין אויבין · אונ דיזע נעמט מען ארויס ביז עס פלעגט מיר זייער פאר שמעקין אונ האב אזו ארויש גשניפּט אצווייא דרייא שטיקלאך · איך בין גיווארין אונ טרייא דעם

תענית · אונ האב זייא אויף גיגעסין אין אווינקעלע שטילערהייט · עם פלעגט ווערין צוואר אליכט אין דיא אוינין · דאך אבער האט מיך באלד מיין געוויסין גיפלאגט (דאש הייסט איך האב חרטה גיהאט) דאש איך האב מיך פאר זינדיגט געגין דעם תענית אונ געגין מיין מוטער אונ וואר דורך דעם גאנץ פאר קימערט · א ווייהע · דיזער פאל איז ניכט דא בייא מיר אין מיינע דער וואקסענע יארין · איך טוא פיל שלימערעס אונ האב גאר קיין חרטה · דיא קינדהייט איז אוועק אונ מיט מיר אויך דיא אום שולד · זיא איז אוועק אונ וועט זיך שוין נימאלס צוריק אום קערין · אונ צוא דיזער קליינע זינדע איז דאן באלד אונטער גיקומען איינע צווייטע אונ אויך איינע דריטע · אונ יעדע אלץ גרעסער פאר דיא אנדערע · וויא דער אלטער שפריכווארט זאגט · דיא זינד גייט קיין מאל אליין · צוא שכרות צעפעט זיך צוא דיא עברה פון זנות ; צוא גנבה דאש פאלש שווערין" · אזו וואר דיזער פאל אויך דא · וויא איך האב נור מחלל גיוועזן דעם תענית האב איך שוין אן גיהייבין צוא עסין צוא זאט אונ אלץ מיט אן גישניפטע צוקער גיבעקס · מיט המן טאשין · אונ דער נאך אלס דיא מוטער האט איבער גיציילט דיא גיבעק אונ עם האט מאנכער צעהענדליג גיפעלט · האב איך איר גיזאגט דאש איך האב גיזעהען וויא דעם שטראז הונט האט אפאר גיכאפט · דא האט שוין דיא דינסט גיהאט המנם מפלה פאר וואש זיא האט ניט אכטונג גיגעבין · אונ דאש גלייכין דער שטראז · נון וואר לארעם איבער לארעם · דען מיינע מוטער וואר איינע שטרייינגע ווירטין · אונ עם פלעגט אזו וייט צוא קומען דאש דיא דינסט האט זיך פון איינאנדער גיוויינט · אונ איהרע טרערין האבין מיך אזו שטארק גערירט דאש איך האב בארייעט (חרטה גיהאט) אויף דעם גאנצין גישעפט · אונ דאך האב איך אויש גיזעהען בייא דער מוטער פאר איין גאנץ אום שולדיגעס קינד אונ האט גיהאט גרויש מיט לייד מיט מיר וואש איך פאסט · אונ האט אין מיך אלץ גידרונגען דאש

איך

איך זאל דאך איין עטוואס געניסן · אונ איך וואש איך וואר
שוין זאט וויא איין סנדקי נאך אברית האב איך גימאכט איין
פרום פענעמיל · האב גישוואוירן דאש איך וועל ניט עסן ביז
נאכט ווייל עס איז איין מאל איין תענית ביא אונז אידין · נון
האט זיך דיא מוטער העכבסט גיפרייט צוא הערין דאש איר קליינער
זון רעט אזו פרום · האט עס באלד אפ דער ציילט דעם פאטער
אונ ער וואר אויך העכבסט צוא פרידין מיט מיר :

צוא מנחה פלעג איך צוא קומען אין שול אונ האב מיך
אלץ גידרייט ארום שולחן אום איין צוא קוקין זיך אין דיא גיזיכטער
פון דיא וואש גיבין מחצית השקל · אונ וויא מען האט זיך גישטעלט
שמונה עשרה האב איך גיוויזין מיין צונג מיינע חברים אום צוא
צייגין דאש זיא איז ווייס אלס איין קלארער בעוויז דאש איך
האב גיפאסט דעם גאנצין טאג · א ווייהע איבער דיא פאלשע
עהרע דאש זיא גיפינט זיך שוין זעלבסט ביא דעם קלענסטין
קינד · אונ אזו פאר גיוויס פעלט שוין ניט ביא אים קיין זינדע
וויא דער פסוק זאגט (כי יצר לב האדם רע מנעוריו) דאש
הייסט דאש הערץ פון מענטשין איז פאר דארבין שוין פון זיינער
קינדהייט אן :

## „דיא ערשטע נאכט פון פורים„

באלד נאך מנחה בין איך אוועק אהיים אום צוא נעמען
דעם שרייער · דיא המן קלעפיל · אונ בין גיקומען אין שול מיט
נאך אבאנדערע אינגלאך וואש ווארין באוואפינט מיט דיזע הייליגע
כלי זין · אונ האב מיר דארט אויש גיקליבין דעם בעסטין ארט
דאש הייסט אנטקעגין דעם אלמעמער · אום צוא שטורעמען פון
דארט אויף דעם יודען פיינד המן הרשע ימח שמו · איך האב
מיר אבער אויף דיזען ארט אזו ווייניג איין גיהאלטין וויא ביא
איינעם קוסט יאגדעס דארט אין וועלדיל אום תשעה באב · דען
איך האב אים אין איין רגע צעהען מאל אום גיביטין אויף אנדערע

ערטער

ערטער׳ ווילענדיק אונ ניט ווילענדיק נאך בעפאר דער חזן האט
נאך גיענדעט חזרת הש״ץ פון מנחה׳ דען מען האט מיך אלץ
אום גישטויסן אהין אונ אהער׳ דאש אפרומער דאוונער׳ דאש
דער אונטער שמש׳ ווייל איך האב מיך ניט גיקאנט איין האלטין
ניט אקליינעם דרייא צוא טאן מיט דעם שרייער אדער מיט דער
קלאקאטקע זעלבסט אין מיטין שמונה עשרה׳ אונ ביי אלעם
דעם האב איך מיך ערהאלטין צום סוף פארט אנטקעגין דעם
בעל קריאה אונ דעם שמש׳ מעהר אויש להכעים אלם אויש לוסט
דארט צוא שטיין׳ אום צוא ווייזין זייא דאש דיזע נאכט פון
פורים איז ניט ווינציגער הייליג אלם דיא נאכט פון פסח וואש
איז איין ליל שמורים פון מזיקים׳ אגאנץ יאר פלעג איך האבין
פון זייא גאר דיא קלעפ׳ אין דיא נאכט פון פורים אבער האב
איך זייא אויש גישטעלט איין פייג אין נאז׳ איך האב מיך אפ
גישטעלט דווקא זייא אנטקעגין מיט גאר דיא פעק שרייערם׳ אונ
המן קלעפלאך גרוישע אונ קליינע אונ גלאט מיט שטעקינם׳
בריט (גאטאוו) באם זייא וועלין מיר נור צעפן׳ צו שלאגין זיי
טויט מיט דעם המן גלייך׳ אונ האב מיר אזוי איין גיהערט מיט
דער גרעסטער אום געדולד ביז הער בעל קריאה האט אן גיהייבין
צוא לייענין (אחר הדברים האלה גדל) וואש דארט איז
דער ערשטער פעצאטאק פון המנם שלאגערייא׳ אונ וויא נור
מיר האבין דער הערט דאש זיין וויכטיגער אונ הייליגער נאמען
ווירד שוין אויש גישפראכין פון דעם בעל קריאהם מויל׳ איז
אום גיוואנדעלט גיווארין דיא שטילע אונ רוהיגע שול אויף
איין שלאכט פעלד אונ איז גיווארין צוא איין גאטעס שרעקין׳
דען עם איז גיווארין דארט איין גרויש לארעם אין אלע איהרע
פיר עקין׳ איין טומיל׳ איין סאמאטאכע׳ דאש עם האט אויף
גיהערט גאר דיא ביז העריגע ארדענונג דארט׳ דאש דער שמש
זעלבסט האט צוא אונז צוא גישריען מיט דיזע ווערטער „גיט דוך״
עם וואר גישלאגין׳ גיקלאפט׳ גיבריקעט׳ אונ מיר ווארין דאן

שְׁטאָלְץ אויף אוּנְזֶערֶע קְלַאפֶּער גִיצַייג וִויא נַאפָּאלֶעאָן אויף זַיינֶע
טוֹיזֶנְט קַאנָאנֶען וָואשׂ הָאבִּין גִישְׁפּוֹייגִין טוֹיט אוּנ מָארְד אִין
זַיינֶעם גְרֶעקְלִיכֶען שְׁטְרַייט דָארְט בַּייא אוֹיסְטֶערְלִיץ · דִיזֶער
שְׁטוּרֶעם וַואר אָבֶּער פוּן אֵיינֶעם לַיינְגֶערִין דוֹיֶער אַלְס יֶענֶער
שְׁטְרַייט · דֶען מִיר הָאבִּין נִיט גִיוָואלְט אִין גֶעמֶען קַיין (זִינְגַאל)
צַייכִין פוּן פְרֵידִין · מֶען הָאט זִיךְ אוּם זִיסְט צוּא פַּאצְט דִיא
הֶענְט אויף דִיא חוּמָשִׁים אוּנ אויף דֶעם שׁוּלְחָן אוּם אוּנְז אַיין צוּא
שְׁטִילִין · דֶער שַׁמָשׁ וָואשׂ הָאט אוּנְז דָא אִיצוּנְד גִיהֵייסִין קְלַאפִּין ·
הָאט אִיצוּנְד אוֹישׂ גִיזֶעהֶען בַּייא אוּנְז וִויא אַיין מְכַשֵׁף וָואשׂ קֶען
נִיט אָפּ מַאכִין צוּרִיק זַיין כִּשׁוּף וָואשׂ עֶר הָאט גִימַאכְט · עֶר
הָאט זִיךְ צוּא רִיסִין שְׁרַייעֶנְדִיק דָאשׂ מִיר זָאלִין שׁוֹין אויף הֶערִין
צוּא קְלַאפִּין אוּנ מִיר הָאבִּין אִים גִיהֶערְט אִין טְרָאק · מִיר הָאבִּין
אַזוֹ לַאנְג גִיקְלַאפְּט בִּיז עֶס אִיז אוּנְז שׁוֹין אַלֵיין מִיאוּס גִיוָוארִין
קְלַאפֶּענְדִיק · דָאךְ אָבֶּער נִיט מִיט אַמָאל · נוּר בִּיסְלַאךְ וַוייס וִויא
דָאשׂ מֶער (יָם) בֶּערוּהִיגְט זִיךְ גְרַאדֶען וַוייס נָאךְ אֵיינֶעם גְרוֹיסִין
שְׁטוּרֶעם · אוּנ דַאן הָאט דֶר בַּעַל קְרִיאָה אָן גִיהֵייבִּין צוּא לֵייעֶנֶען
וָואשׂ צוּם גִישְׁוִוינְסְטִין וַוייל דֶער עוֹלָם וָואשׂ הָאט דַאן גִיפַּאסְט
הָאבִּין אִים גִיטְרִיבִּין הַאלְדְזִי אִין נַאקִין · אוּנ מִיר קוּנְדֵסִים הָאבִּין
דָאךְ אִים זַייעֶר גוּט אַיין גִיהֶערְט אוּנ הָאבִּין נִיט אוֹיסִין גִילָאזִין
נִיט אַיין מָאל צוּא קְלַאפִּין אַלְס עֶר הָאט נוּר אוֹישׂ גִישְׁפְּרָאכִין
דֶעם נָאמֶען הָמָן · אוּנ וָוארִין אַזוֹ פַאר הִיצְט אִין דִיזֶע אַלְטֶע
שְׁלָאגֶערַייא וָואשׂ וֶועט קַיין מָאל נִיט אויף הֶערִין אַזוֹ וִויא פַאר
גְרַאצֶעטֶע בַּעֲלֵי מִלְחָמוֹת וָואשׂ אוֹישׂ גְרוֹישׂ צָארִין אוּנ צוּא
קָאכוּנְג וַוייסִין זַייא שׁוֹין נִיט אוּנְטֶער צוּא שֵׁיידִין צְוִוישִׁין פַיינְט
אוּנ פְרַיינְד אוּנ שְׁלָאגִין בֵּיידִין · דָאשׂ הֵייסְט דֶעם וָואשׂ נוּר
פַּאפַּאזֶעט זִיךְ אוּנְטֶער זַייעֶרֶע הֶענְד אַזוֹ הָאבִּין: מִיר פוּן גְרוֹישׂ
הִתְלַהֲבוּת גִיקְלַאפְּט אויף דֶעם נָאמֶען מָרְדְכַי וִויא אויף דֶעם
נָאמֶען הָמָן גָאר אָן אוּנְטֶער שֵׁייד · אוּנ אַזוֹ אויךְ בְּשַׁעַת דֶער עוֹלָם
הָאט גִיזָאגְט דִי פְרֵיילִיכֶע פְּסוּקִים (איש יהודי היה בשושן הבירה)

אוּנ

אונ דאש גלייכין׳ מיט אזו אמאכט דאש עס האבין גיקלונגע דיא עססען פון דיא לייכטער׳ אונ עס האבין געציטערט דיא שויבין אין דיא פענסטער׳ אום זאנסט האבין אויף אונז גישריען דער גאנצער עולם׳ אום זאנסט האט זיך גיצאפילט דער שמש אויף דעם אלמעמער׳ אונ איז גיוואָרין הייזעריג שרייענדיק אויף אונז׳ דען מיר האבין זייא קיינעם גיהערט מיר האבין גיקלאפט אונ גישלאגין ביז איבער (ודובר שלום לכל זרעו) אונ דאן האבין מיר זיך ארויש גימאכט פון שול איינציג ווייס אונ האבין אונז צוא זאמען גיקליבין אויף דעם שול הויף אום זאך אפ צוא ווערין פון דעם שמש׳ אונ אלם דער עולם איז ארוים פון שול איז אטייל פון אונז׳ דאש הייסט דיא מהדרים אוועק אין אנדערע שולין וואש מען האט נאך דארט ניט אפ גילייענט אום צוא שלאגין המנען אויך דארט אונ מיר זיינען דער ונאך אוועק אהיים זייער פריילין וויא דיא בעלי מלחמות נאך אגיוואונענע שלאכט׳ ביי דעם טיש בין איך באהאנדעלט גיוואָרין פון מיינער מוטער וויא איין פאסטענדער׳ מען האט מיך גישטאפט אונ גיקראפט פון אלע זייטין׳ אונ אלם איך האב מיך גילייגט אין בעט האב איך דעם שרייער׳ אונ דיא המן קלעפיל גילייגט צוא קאפין אונ בין איין גישלאפין זייער זים אונ רוהיג:

„דער טאג פון פורים״

אונ וויא אויך גישמאק איך האב גישלאפין האב איך מיך דאך אויף גיהאפט פאר טאג׳ דאש הייסט אום פינף דעם זייגער׳ דען דאן איז אויף גישטאנען דער פאטער אום צוא גיין אין פיש מארק׳ אונ דער ארום בחור איז גיקומען לייענען דיא מגלה פאר די מוטער אונ פאר דיא דינסט׳ קוים האב איך דיזען סוחר דער זעהען האט זיך אויף גילעבט אין מיר ווידער דער חשק פון המן שלאגין׳ גישווינט וויא דער בליץ בין איך אראפ פון בעט האב אן גיטאן דיא קאפאטקע׳ אונ האב גינומען דעם שרייער׃

דיא

דִי הָמָן קְלֶעפִּיל · הָאבּ מִיךְ גִישְׁטֶעלְט אַיין בְּאָרְפֶעשְׂער לֶעבִּין דֶעם אָרֶעם בָּחוּר נִיט גִיוַואשֶׁענֶר הֵייט גַאנְץ אוּם בַּאזָארְגְט · דֶען דֶר פָּאטֶר וַואר דָאךְ נִיט צוּ הויז אוּנ קֵיין שַׁמָשׁ וַואר · אויךְ דָארְט · אויךְ דֶער עֶנְדִיק וַואר שׁוֹין אויךְ נִיט מֶער וָואשׂ אִיךְ זָאל זִיךְ דַארְפִין פַּאר אִים הִיטִין דָאשׂ עֶר זָאל זִיךְ נִיט פַּאסְטְרַאסֶען אוּנ זָאל אוֹישׂ שְׁלָאגִין אַשׁוֹיבּ אָדֶער אַשְׁפִּיגִיל · דֶען מֶען הָאט אִים נָאךְ נֶעכְטִין גִיקְווִילֶעט · אוּנ הָאבּ נָאךְ פַּאר מַיין שְׁלָאף גִיגוּרְגֶעלְט אויף זַיין נָארְגֶעל · דֶען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין צַייגֶע דָאשׂ אִיךְ הָאבּ נִיט עוֹבֵר גִיוֶוען אויף אַלֶע גִיזֶעצֶע פוּן אַקוּנְדֶם · אִיךְ הָאבּ מִיר אַיין גִיהֶערְט דִיא מְגִלָּה · אוּנ הָאבּ אַוַויילֶע גִישְׁלָאגִין הָמֶען מִיט דֶעם שְׁרַייֶער אוּנ אַוַויילֶע מִיט דֶעם הָמָן קְלֶעפִּיל · אוּנ אַמָאל גָאר גִיבְּרִיקֶעט מִיט דִיא פִּיס וִויא אַיין גִישִׁיקְטֶער חִירוּרְג וָואשׂ פַּאר שְׁטֵייט צוּא בַּייטִין זַיינֶע אִינְסְטְרוּמֶענְטִין נָאךְ דִיא אַפָּארַאצִיָאן וָואשׂ עֶר דַארְף מַאכִין · אוּנ אַלְם מִיט גְרוֹישׁ חוּצְפָּה אוּנ עַזּוּת · אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גִישְׁטוּרֶעמְט וִויא וַוייט אִיךְ הָאבּ נוּר גִיקֶענְט · אוֹיבּ וואוֹל אִיךְ הָאבּ גִיוואוּסְט דָאשׂ מֶען וֶועט זִיךְ מִיט מִיר זֵייעֶר גוּט אָפּ רֶעכֶענֶען דֶען מַיין פָּאטֶער וַואר אַיין שְׁטְרֵיינְגֶער מַאן · דָאךְ דִיא שְׁפֶּעטִיגֶע שְׁטְרָאפֶע פַאר גַאלְט נִיט דִיא זִיסְקַייט פוּן דֶער אִיצְטִיגֶע פְרֵיידֶע :

דֶער וַויילֶע הָאט אוֹישׂ גִיטַאגְט אוּנ דֶער פָּאטֶער אִיז גִיקוּמֶען פוּן פִּישׁ מַארְק מָלֵא שִׂמְחָה דָאשׂ גָאט הָאט אִים צוּא גִישִׁיקְט גוּטֶע פִּישׁ לִכְבוֹד פּוּרִים בְּמָקוֹם הַשָּׁוֶה · הָאט מִיךְ מִיט גִינוּמֶען אִין שׁוּל אוּנ הָאט מִיךְ פַאר זָאגְט דָאשׂ אִיךְ זָאל אִין שׁוּל נִיט מַאכִין דִיא נֶעכְטִיגֶע פָּאקְסֶען · עֶר וָואלְט מִיךְ שׁוֹין נֶעכְטִין גֶעשְׁמִיסִין וֶוען אִיךְ וָואלְט נִיט גִיוֶועזִין גִיפַּאסְט · נוּר דִיזֶע רֵייד אִיז מִיר גָאר נִיט אַרַיין אִין אוֹיעֶר · דֶען וִויא נוּר דֶער בַּעַל קְרִיאָה הָאט אָן גִיהֵייבִּין צוּא לֵייעֶנֶען אוּנ דֶער פָּאטֶער הָאט אָן גִיהֵייבִּין זִיךְ אַיין צוּא הֶערִין זַייעֶר פְלַייסִיג הָאבּ אִיךְ מִיךְ פוּן אִים אַוֶועק גִימַאכְט אוּנ הָאבּ מִיךְ אַוֶועק גִישְׁטֶעלְט אויף

מַיין

מיין געבעטיגין ארט · אונ האב גימאכט איין גיקלאפער וויא נעכטן ביז מען האט מיך ארויש גיטריבין פון שול אונ האב אזוא גישלאגין המנען אין פאלעם · אונ בין אזו נאך דעם גיגאנגען אהיים גאנץ בעזארגט דען איך האב גרויש פחד גיהאט פאר דעם פאטער · אונ פאר וואש איך האב מיך גישראקין איז מיר ווירקליך גישעהען · דען קוים בין איך אריין אין שטוב האב איך פון אים באקומען אפאר פרעסק דאש עס האבין מיר פאר קלונגען דיא אויערין · אונ דאש וואר נור איין זאדאטיק אויף דיא פינף מאליגע באשטראפונגען וואש איך בין באשטראפט גיווארין פון מיינע עלטערין אין דיזעם פורים טאג · אטאג וואש איך האב אויש גיקוקט מיינע אויגין אויף אים אגאנץ יאר · וואש איך האב מיך צוא ליב אים גיפייניגט אגאנץ ווינטער דען צוא ליב אים האב איך פאר קויפט מיינע איבער בייסינם פאר אהעלפט געלט אום צוא זאמען צוא קלייבין קאפיקעס אויף שלח מנות · אונ אלס איך האב אים שוין דער לעבט האב איך אים צוא גיבראכט נור אין הארץ קלעמענעס אין וויינען אונ אין גרויש קומער · אונ אזו פאסירט זיך מיט אונזער גאנצין לעבין דא אויף דער ערד · מיר פערעכטען דעם איצטיגין פארגניגן צו ליב דעם שפעטיגן פאלשין פרייד וואש עס פערשפרעכט אונז דיא קינפטיגע צייט (עתיד) · אונ אזו ביז אונזערע האלבע יארין האפין מיר אלץ גליקליכער צוא זיין · אונ פאר לאכין דאש גוטעס וואש מיר האבין שוין · אונ דער נאך אלס מיר גיפינען אונז באטראגין אין אונזערע האפענונגען דער ציילין מיר שוין וויא גליקליך מיר ווארין אמאל גיוועזין :

איך האב גיוויינט איבער דיא פרעסק · גיוויינט אונ בין דאך באלד אנטשוויגין גיווארין · דען דיא קינדהייט לאזט זיך זייער גיך טרייסטין · איך האב גיווישט דיא טרערין אונ האב גיגעסין דעם המנטאש מיט גרויש אפיטיט אונ האב גיקוקט אויף דעם שרייער אונ אויף דעם המן קלעפיל מיט איין זייער

טרויעריגעם

טְרוֹיעֶרִינֶעם גִימִיט וִויא אַיין פְּרוּמֶער מַאן קוּקְט אָן דֶעם אֶתְרוֹג אוּנ דֶעם לוּלָב אוּם הוֹשַׁעְנָא רַבָּה נָאךְ דָעם דַאווְנֶען „אָ ווַייהֶע„ הָאבּ אִיךְ גִיזָאגְט · עֶס זַיינֶען מִיר נָאךְ גִיט פַּאר הֵיילְט גְיוָוארִין דִיא מַזָלוֹת · דִיא אַיין שְׁנִיטֶען אוֹיף מַיינֶע הֶענְט אוּנ פִינְגֶער וָואשׁ אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען מַאכֶענְדִיק דִיזֶע טַייעֶרֶע אִינְסְטְרוּמֶענְטִין נוּן זַיינֶען שׁוֹין אִיצוּנְד וִויא גַאנְץ אוּם נוּצִיגֶע זַאכִין · נוּר אָבֶּער וֶוען דִיא דַאֲגוֹת זַיינֶען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער פוּן גְרוֹים דוֹיעֶר וִויא דִיא רֶעגִינְם וָואשׁ זַיינֶען אִין הֶערְבְּסְט (אָסֶען) · זַיינֶען זַייא דֶער פַּאר אִין דֶער קִינְדְהַייט גַאנְץ אִיבֶּער גֵייעֶנְד וִויא אַיין מָארְגִין טוֹיא אִין פְרִיהְלִינְג (וְויָאסְנֶע) אוּנ אַזוֹ בִּין אִיךְ גִיוָוארִין בַּאלְד ווִידֶער זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ · דָען אִיךְ הָאבּ מִיךְ בַּאלְד בַּארֶעכִינְט וָואשׁ פַאר פִיל פְרֵיידִין אוּנ לוּסְטִיקַייטִין עֶס עֶרְוַוארְטִין מִיר נָאךְ בִּיז אִיבֶּער דִיא סְעוּדָה :

אוּנ עֶס וַואר אַלְם אִיךְ וַואר פַּאר טִיפְט אִין דִיזֶעם גְלִיקְלִיכִין חֶשְׁבּוֹן זַיינֶען אָן גִיקוּמֶען אַבַּאנְדֶע אִינְגְלַאךְ וָואשׁ אִיךְ הָאבּ מִיט זַייא אָפּ גִירֶעט נָאךְ נֶעכְטִין דָאשׁ זַייא זָאלִין צוּא מִיר קוּמֶען · אוּנ בִּין מִיט זַייא אַוֶועק אַזוֹ בַּאלְד אִין אִידֶעשֶׁע גַאס אוּם צוּא קוֹיפִין שַׁלַח מָנוֹת · מִיר זַיינֶען צוּא גִיפְלוֹיגִין צוּא דִיא טִישְׁלַאךְ וָואשׁ זַיינֶען בַּאדֶעקְט מִיט צוּקֶער גִיבֶּעק · אוּנ מִיר הָאבִּין עֶס בַּאטְרַאכְטֶעט מִיט גְרוֹישׁ לוּסְט גַאנְצֶע צְוֵוייא שְׁטוּנְדֶען אוּנ דָאךְ הָאבִּין מִיר אוּנְז נָאךְ אַלְץ נִיט גִיקֶענְט בַּשְׁלִיסִין וָואשׁ דֶער פוּן צוּא קוֹיפִין · דֶען זֵייא וַוארִין אוּנְז אַלֶע גִיפֶעלִין · אַטֵייל פוּן זַייא וַוארִין בַּאזִילְבֶּערְט · אַטֵייל פַּאר גִילְדֶעט · אַטֵייל פַּאר פַּארְבְּט מִיט אַלֶערְלֵייא קָאלָארִין · רוֹיט · גְרִין · גֶעלְבּ · פַּייקֶעלַאךְ · שִׁיכֶעלַאךְ · טָאוֶועלַאךְ · וַויין טְרוֹיבִּין · פִּישֶׁעלַאךְ · שְׁוֶועמֶלַאךְ · אוּנ דָאשׁ גְרַייכִין :

אָ גַאנְצֶע צְוֵוייא שְׁטוּנְדִין הָאבִּין מִיר פַּאר בְּרַאכְט אוּם אוּים צוּא וֵוילִין וָועלְכֶע צוּקֶער גִיבֶּעק לוֹינֶען פַאר אוּנְז אוֹיף שַׁלַח מָנוֹת · אוּנ נָאךְ הָאבִּין מִיר נִיט גִיקוֹיפְט · אוּנ אִיצוּנְד

זייענדיק

זייענדיק שוין דער וואקסענע מענטשין עקין מיר אפ פיל גיכער אונזערע קינדערשע שידוכים מיט וועלכע מיר מאכין זייא אום גליקליך צייט זייער לעבין · מיר ווערין עלטער אבער דאך ניט קליגער אונ גיזעצטער · אונ אזו אויך טוען מיר מיט אונזערע אלע עסקים · אונ דאש איז נור וויל אקינד קען זיך פיל ווייניגער אירין אלס איין גרויסער · וויא אאיינגיל וואש האט גילערינט נור איין ספר פון תנ"ך קען גיכער טרעפין דעם פסוק וואש עס שטייט אין אים אלס דער וואש האט שוין אויש גיהאט גאנץ תנ"ך · וויל דיזער קען זיך שוין לייכט טועה זיין דאש דער פסוק שטייט אין איין אנדער ארט · אזו אויך איין דער וואקסענער וואש האט שוין אין דער וועלט פיל מעהר ערפארען אלס איין קינד · קען זיך זייער לייכט פאר פירין אונ טאן דווקא פאר קערט :

דער ווילע אבער וויא מיר זיינען זיך אזו גישטאנען זייער פאר טיפט אין איין ישוב הדעת צוא קויפין דאש אדער דאש איז אן גיקומען אונזער יונג צוא מיר אום נור מיר צוא זוכין · אונ האט מיר גיבראכט דיא טרויעריגע נאכריכט : דאש דיא עלטערין זיצין שוין לאנג ביים דעם טיש · עס פעלט דארט מער ניט וויא איך אונ האבין אים אזו גישיקט מיך אויף צוא זוכין · אונ דאש זייא זיינען דער צוא זייער פאר בייזט אויף מיר פאר וואש איך בין אוועק אין גאס אן זייער ידיעה · איך האב עס גיהערט אונ עס איז מיר איין גיפאלין דיא דמים · נון האט מיר גיבראכט דער משרת אהיים וויא איין ראסטאנט · וואש ער האט אין וועג אויש גיקאספערט ביים מיר אהעלפט פון מיינע שוועער אויף גיזאמעלטע קאפייקעס זאגענד דאש ער וועט זיין איין מליץ טוב פאר מיר ביים מיינע עלטערין :

אונ אזו האט ער מיך גיבראכט אהיים גאנץ צוא שראקין אונ פאר קימערט וויא אמאל דיא ברידער פון יוסף צוא אים אין שטוב מכה דעם בעבער · מיינע שיך ווארין איין גערוכט אין בלאטע · דער פוטעריל פאר שלומפערט · דיא היטעלע פיץ

נאַם פון רעגין · איך האָב מיך אָפּ גישטעלט לעבין מיר מיט
אַראָפּ גילאָזענע אײַנגעלאַך · נון האָבין מיר מײַנע עלטערין
זײער גוט אויש געזידעלט אונ דער נאָך אַנידער גילייגט אויף
אַבײַנקיל אונ האָבין מיר אַרײַן גיהאַקט גאָר אָן רחמנות אונ
האָבין מיר דער צוא נאָך גישטראַסעט אָפּ צוא שיקין מיר אין
חדר וואָש דאָש וואַר מיר פיל שלימער אַלס גאָר דיא ריטער פון
דער גאַנצער וועלט · דען דיא וואָרהייט צוא זאָגין איך האָב
דעם חדר גיהאַסט מעהר אַלס אײַן דיב דעם אָסטראָג · אונ דאָך
באַלד נאָך דעם שמײַסין האָב איך מיך גיזעצט בײַא דעם
טיש · איך האָב גיגעסין אונ גיטרונקען אונ מײַנע טרערין האָבין
זיך גימישט מיט דער זופּע וואָש אין מײַן לעפּיל · דען מײַנע
אויגין האָבין גיגאָסין טרערין גאָר אָן אויף הערונג :

„טרערין” אָ גליקליכע טראָפּינס וואָש איך וואָלט זײַא
איצונד גיט אום גיביטין אויף דיא טײַערסטע בורלאַנטין וואָש
גלאַנצין אין דיא אויערינגען אונ אין דיא ציטער שפּילקעס אויף
דיא קעפּ פון דיא שענסטע מײדכען אונ געלאַנטע דאַמען · דען
דאָרט האָט זיך אָפּ גישפּיגעלט דיא אום שולדיגע קינדהייט וויא
דיא יונגע זון פון דעם פריהלינג (וויאסנע) שפּיגעלט זיך אָפּ אין
דיא טראָפּינס טויא וואָש שלומערין אין דיא פּאַלבין פון אײַנער
צירליכין אונ רויטין רויז · אונ דאָ פון דיזע בורלאַנטין אָבער
זעהעט זיך אַרויש נור פײַנדשאַפט · קנאה · שנאה · אונ פּאַר
באָטענע ליבשאַפט · אונ דאַהער באַלד נאָך אײַניגע מינוטין
בין איך גיוואָרין ווידער פרײליך · אונ בין מיט דעם פורים
ווידער גוט פרײַנד גיוואָרין :

קוים האָבין זיך דיא עלטערין גילייגט נאָך דעם עסין
שלאָפין · אונ איך האָב זיך ווידער אַרויס גימאַכט פון שטוב ·
אונ בין שוין אַליין אַוועק אין שטאָט · דאָש הייסט אין אידעשע
גאַס אונ האָב אײַן גיקויפט שלח מנות זײער שהאָדנע אונ בין
גיקומען גליקליך אַהיים מיט דיזע ראַיעלע סחורה· איך האָב זיי אויש

אֵיינַאנְדֶער גִילֵייגְט מִיט אַגְרוֹיס אָרְדֶענוּנְג אוּנ הָאבּ זִיךְ זַייא גָאר
נִיט גִיקֶענְט אָפּ קוּקִין :

## „שְׁלוּחַ מָנוֹת״

מַיינֶע עֶלְטֶערִין הָאבּ אִיךְ דֶער וִויסְט נָאךְ שְׁלָאפֶענְדִיק · אוּנ אִין שְׁטוּבּ וַואר שְׁטִיל אוּנ רוּאִיג · צִיכְטִיג אוּנ לִיכְטִיג : עֶס וַואר דַאן דָארְט אֵיינֶע גִישְׁמַאקֶע וַוארֶעמְקַייט גֶעוִוירְצְט מִיט אַלֶערְלֵייא רֵיחוֹת פוּן דִיא טָארְטִין · אוּנ גֶעפְרֶעגְלִיכְץ וָואשׁ מֶען הָאט גִיבַּאקְט אוּנ אָן גִיפְרֶעגִילְט אוּנ אָן גִיגְרֵייט צוּא דֶער סְעוּדָה · דִיא טִישִׁין וַוארִין גִידֶעקְט מִיט רֵיינֶע אוּנ גֶעבְּלוּמְטֶע סֶערְוֶועטִין · אוֹיף אִים פוּן אֵיין עֶק אִיז גִילֶעגִין אֵיינֶע גְרוֹישֶׁע קִיטְקֶע אָדֶער שְׁטְרִיצֶעל וָואשׁ וַואר גִיבַּאקְט מִיט זַאפְרֶען אוּנ מִיט רָאזִינְקֶעס · אוּנ אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין עֶק טִישׁ זַיינֶען גִישְׁטַאנֶען זִילְבֶּערְנֶע לַייכְטֶער בַּאשְׁטֶעקְט מִיט שְׁטַאלָאוֶוע לִיכְט · אוּנ אִין פָאדֶער שְׁטוּבּ הָאבִּין זִיךְ דַאן צוּא זַאמֶען גִיקְלִיבִּין אַבַּאנְדֶע חֲבֵרִים מַיינֶע אוּם צוּא בַּארָאטִין זִיךְ וֶועגִין דֶעם שַׁלַח מָנוֹת · מִיר הָאבִּין זִיךְ גִיזֶעצְט אַרוּם אַקְלֵיינֶעם טִישִׁיל זַייעָר סוּרְיָאזְנֶע (עָרֶענְסְט) וִויא אָסִיפָה לַייט וָואשׁ בֶּערַאטְהֶען זִיךְ וֶועגִין מְדִינָה זַאכִין · אוּנ יֶעדֶערֶער פוּן אוּנְז הָאט אָן גִיהֵייבִּין צוּא זָאגִין זַיינֶע מֵיינוּנְגֶען · „דֶעם פַּייקֶעלֶע אוּנ דֶעם פִּישֶׁעלֶע״ הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפִין חַיִימְצִיק · זָאל מֶען שִׁיקִין שְׁמוּאֶלְקֶען · אוּנ דֶעם הֶענְדֶעלֶע מִיט דֶעם שְׁוֶועמֶלֶע זָאל מֶען שִׁיקִין יוּדְקֶען · אוּנ יָאסְקֶע הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפִין „נַיין בַּייא מִיר קוּמְט אוֹיס גַאנְץ פַאר קֶערְט · דָאשׁ דֶעם פַּייקֶעלֶע מִיט דֶעם פִּישֶׁעלֶע זָאל מֶען שִׁיקִין נוּר יוּדְקֶען · דֶען אִיךְ וֵויים דָאשׁ עֶר הָאט וָואשׁ רֶעכְטְס אָפּ צוּא שִׁיקִין · אוּנ דֶעם הֶענְדֶעלֶע מִיט גָאךְ צְוֵוייא צוּקֶערְנֶע אַרְבֶּעס זָאל מֶען שִׁיקִין דֶעם שְׁמוּאֶלְקֶען · אוּנ אַזוֹ הָאט וִוידֶער אֵיין גִיוֶוענְדֶעט אַיין גִיוִויסֶער פִּינְקֶע דָאשׁ מֶען דַארְף גָאר אַנְדֶערְשׁ שִׁיקִין · נוּן וַואר אַגְרוֹישֶׁע אַנְפֶערַייא צְווִישִׁין אוּנְז · בִּיז עֶס אִיז גִיוָוארִין דֶער פוּן אַקְרִיג · אַזִידְלֶערַייא

אוּנ

אונ דֶער נָאךְ אַגִישְׁלֶעג · אונ דַאן אִיז אוּם גִיוָואַנְדֶעלְט גִיוָואָרִין
דִיזֶע וִויכְטִיגֶע אֲסִיפָה אויף אֵיינֶע בַּאנְדֶע וִוירְקְלִיכֶע בָּאר יוּנְגֶען ·
דֶען מֶען הָאט זִיךְ גִירִיסִין אוּנ גִיפְּלִיגְט פַאר דִיא הָאר אונ מֶען
הָאט אוּם גִיוָוארְפִין דֶעם טִישׁ · דִיא שְׁטוּלִין · אוּנ עֶס אִיז גִיוָואָרִין
אַזוֹ אַלַארְעֶם דָאשׁ עֶס הָאבִּין זִיךְ אויף גִיהַאפְּט מַיינֶע עֶלְטֶערִין
מִיט גְרוֹישׁ צָארִין · נוּן פַּר שְׁטֵייט זִיךְ פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט דָאשׁ דִיא
פְּרֶעמְדֶע אִינְגְלַאךְ זַיינֶען צוּא לָאפִין · אוּנ אִיךְ וָואשׁ אִיךְ בִּין
גִיבְּלִיבִּין אִין שְׁטוּבּ אִיז גִיוָואָרִין דֶער זִינְדֶען בָּאק וַואר דִיא כַּפָּרָה
פַאר אַלֶעמֶען · פְּרִיעֶר פַאר אַלֶץ הָאבִין מִיךְ מַיינֶע עֶלְטֶערִין אוישׁ
גֶעזִידֶעלְט וִויא אַיין אַסְטַאטְנֶען · אוּנ נָאכְהֶער הָאט מִיךְ דֶער
פָּאטֶער אָן גִינוּמֶען פַאר דִיא הָאר הָאט מִיךְ אַנִידֶער גִילֵייגְט
אויף אַבֵּיינְקִיל אונ הָאט מִיר אַריין גִיהַאקְט צוּם צְוֵוייטִין מָאל
לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגִין פּוּרִים וָואשׁ אִיךְ הָאבּ אִים קוּים עֶרְוַוארְט ·
אונ הָאבִּין זִיךְ גִילֵייגְט אַזוֹ וִוידֶער שְׁלָאפִין · דֶער שְׁלָאף אָבֶּער
אִיז אַיין וִוילְדֶער פוֹיגִיל · וִויא נוּר מֶען פַּאסְטְרַאסֶעט אִים פְּלִיעֶט
עֶר אַוֶועק אִין אַל דִיא טַייוֶולֶען אונ קוּמְט שׁוֹין נִיט צוּרִיק · זַייא
הָאבִּין זִיךְ גִיוֶוענְדֶעט פוּן אֵיין זַייט צוּא דֶעם אַנְדֶערִין זַייט · עֶס
הָאט זַייא שׁוֹין מֶעהְר קֵיין שְׁלָאף אָן גִינוּמֶען · אונ דַאן אִיז דֶער
פָּאטֶער אויף גִישְׁטַאנֶען אונ אִיז אוּם גִיגַאנְגֶען אַלֶץ אִיבֶּערִין
שְׁטוּבּ · אונ בַּייא יֶעדִין בְּלִיק אויף מִיר וַואר מִיר דִיא דָמִים
אַיין גִיפַאלִין · דֶען עֶר הָאט גִימַאכְט אויף מִיר אַיין פַּאנָאק נָאךְ
דֶעם אַנְדֶערִין · אונ הָאבּ מִיךְ אַזוֹ גְרַיילִיךְ גִישְׁרָאקִין דָאשׁ עֶר
זָאל מִיךְ וִוירְקְלִיךְ גִיט אָפּ שִׁיקִין אִין חֵדֶר · דִיזֶער שְׁרֶעק אִיז
אָבֶּר בַּאלְד פָאר אִיבֶּר גִיגַאנְגֶן דֶען עֶר הָאט בַּאלְד אָן גִיטָאן דֶעם
מַאנְטִיל אונ אִיז אַוֶועק אִין שְׁטָאט נִיט קוּקֶענְדִיק דָאשׁ עֶס רֶעגִינְט
אונ שְׁנֵייט :

דֶער וַוײלֶע הָאבִּין אָן גִיהֵייבִּין אָרֶעמֶע לֵייט זִיךְ צוּא
דְרַייעֶן אונ הָאבִּין גִימַארָאצֶעט דִיא טִיר גָאר אָן אויף הֶערוּנְג ·
אונ דִיא מוּטֶער הָאט יֶעדֶערִין וָואשׁ גִיגֶעבִּין · אוּנְטֶער זַייא וַוארִין

אויך

אויך פיל פאר שטעלטע וואש האבין גירימין אויף הילצערנע פערדלאך וואש גייען מיט דיא פים פון דיא פאר שטעלטע · אונ איך האב מיך פאר זייא זייער שטארק גישראקין · דאש איך שרעק מיך ניט היינט זעלבסט פאר דעם טויט · אזו האט עס איצונד דאש לעבין גאר קיין ווערט : דאש מיט רעכט קען מען אויף זיך זאגין דעם שפריכווארט „נא דיר דאש לעבין גיב מיר דאש געלד„ אונ האב שוין דאהער קיין רעכט צוא לאבין פון יענעם אינגיל וואש האט אוועק גיגעבין זיין בייגיל פאר אקענדיל וואסער אום צוא וואשין זיך צוא אים :

ארום דרייא דעם זייגער האט זיך מיין פאטער אום גיקערט צוריק אהיים זייער פריילך מיט גרוישע זמוטין שלח מנות האט זיך גישטעלט דאוונען מנחה אונ האט אן גיטאן באלד נאך דעם דיא שטריימעלע · האט זיך גיזעצט צום טיש אונ האט אויש גילייגט דיא צוקער גיבעק אונ האט זיך אזו מסדר גיווען זיין שלח מנות · אונ אלע הויז לייטע האבין זיך אויך אן גיטאן שבתדיק · אונ האבין שוין ניט אפ גיטראטין פון שטוב · דען זייא ווארין באשעפטיגט מיטביידע הענד · דער האט גישווייגקט דיא פלעקלאך · דיא גלעזלאך · אונ דער האט גישניטין דיא טארטין · אונ איין דריטער איז גישטאנען בייא דער פאן פיש אום עס צוא פעפערין גאר אן אויף הערונג · אונ דאש גאנצע הויז האט שוין ניט גירוט פון שלח מנות טרעגער פון פאטער צוא זיינע באקאנטע · פון זיינע באקאנטע צוא אים · זייא ווארין זייער שטארק פאר שמייעט · אונ זייער באשעפטיגט · דען עס וואר גינוג צוא טאן אונ האבין אזו פאר דינט אמאסע געלד אין דיזעם טאג · אונ איך האב מיך גימוזט איין קוקין אלץ אין יעדין טעלער וואש עס ווערט אוועק גישיקט אונ וואש וואר גיבראכט · אונ וואר באשאנקען פון מיינעם פאטער בייא יעדעם מאל מיט קלייניקייטין וואש ווארין פיל שענער אונ טייערער אלם דיא בעסטע וואש איך האב אליין גיקויפט אונ וואש איך

בין

בין נאך צוא ליב זייא גיווארין גישמיסין · א גאטעס זעגען (ברכה) בערייכערט דעם מענטשין גאר אן שום קלאפאט · זאגט שלמה המלך (ברכת ה׳ תעשיר ובל תוסיף עצב עמה) אונ איך וועל נאך אים זאגין · מאנכע באשעפטיגין זיך יארין לאנג אונ דער לעבין גאר ניט אונ איין אנדערער ווערט גליקליך אין איינער מינוט וויא איך דאן פון דעם פאטערש שלח מנות :

אונ אלס איך בין שוין גיווארין איין גיהארפענער איד · האב איך שוין אום גימאכט דעם פאריגין סדר גאר אין גאנצין · איך האב דיא שלח מנות פון אייגאנדער גילייגט אויף טעלער · אונ האב זייא צוא גידעקט מיט פאצייקעס אונ זיינען זיך אזו גישטאנען בנייט · עס האט מיר מער ניט גיפעלט וויא דער ארעמער אינגעל וואש איך האב נעכטין באשטעלט צוא קומען טראגין דיא שלח מנות · איך האב ניט גיקענט איבער טראכטין וואש עס איז דיא מעשה מיט אים · צוא ער וועלגערט זיך ערגעץ אין אשיינק לכבוד פורים · אדער ער שלעפט זיך נאך אבאנדע פורים שפילער · אדער ער האט אפשר באקומען איין בעסערין ארט צוא טראגין שלח מנות :

אונ עס וואר אלס איך בין שוין ארויש פון גידולד ווארטענדיק אויף אים האט מיר יענער וואש שיקט צוא דעם שפיגער זיין פלאקס אונ דעם טרינקער זיין ווייין צוא גישיקט אויך איין אנדערן ארעמען אינגיל וואש איז זיך אריין גיקומען אין שטוב אום צוא בעטין נור אנדבה · קוים האב איך אים דער זעהען האב איך אים שוין דער האלטין · האב איך אים גיגעבין אשנפס · אלעקאך אשטיק המנטאש אונ האב אים אן גיבעטין דאש ער זאל זיין מיין שלח מנות טרעגער פאר גוט געלט · אונ ער האט זיך ניט גילאזט פיל בעטין האט צו גינומן פון מיר צווייא צינענע טעלער פול אונ פאק מיט שלח מנות וואש ווארין דאש בעסט פון מיינע צוקר גיבעקס צו גידעקט מיט צוויי זיידענע פאציילם וואש איך האב זייא גינומען אן דעם ווייסין פון דער מוטער אונ איז זיך דער

מיט

מיט אוועק אין דעם וועג וואש איך האב אים געוויזין אונ איך בין געבליבין שטיין אין פענסטער אום צוא זעהען וויא ער גייט זיך זייער גיך אונ האב מיך דאריבער זייער גיפרייט · מיינע פריידע אבער וואר ניט פון לאנגין דויער · זיא וואר אזו קורץ כמעט וויא דאש לעבין פון מענטשין · דען וויא ער איז אוועק אזו איז ער שוין ניט גיקומען צוריק · אונ איך אלם איין גוטער דורען בין אלץ גישטאנען אין פענסטער אונ האב גיווארט זיין צוריק קומען · ער וואר אבער קליגער אלם פרימער · דען וואש טויג אים דיא דרייא קאפייקען פאר דעם גאנג ווען ער האט צוויא ציגענע גיפארפעלטע טעלער מיט אפאר זיידענע פאציילעם אונ צוקער גיבעק אויך דער צוא · אונ האב אים אזו שוין ניט מעהר גיזעהען וויא איך זעה ניט מיין אויער :

אונ דער ווילע איז זיך איבער גילאפין איינע שטונדע נאך דיא אנדערע וואש יעדע מינוט פון זייא וואר מיר ליב אונ טייערער אלם איינע גרוישע פעריל · אונ האב נאך דער ווילע ניט גינאסין איין טויזענד חלק פון יענע פריידין אונ פארגעניגונגען וואש איך האב מיר אגאנץ יאר פאר גישטעלט צוא געניסין עם אין דיזעם טאג · א אזו לייפט איבער דער גרעסטער טייל פון אונזערע יארין אין פאלשע האפענונגען · אין איבער לייפענדע פריידען וואש דויערין נור וויא איין בליץ וואש טוט אשיין נור אויף איינע זעקונדע אין איינער דונקעלען נאכט אום איהרע פינסטערנעם דער נאך צוא פאר גרעסערין · מיר יאגין אונז נאך נור נאך איין איבער גייענדין שאטין · אונ וואנדערין דא אין דיזעם טרויער טאל (עמק הבכא) נור פאר דעם שיין פון איין פאר פירענדעם ליכט · אונ פארגעניגען זיך מיט דעם שפיל פון פאר שיידענע פארבין וואש גלאנצין פון ווייטין אונ פאר שווינדען באלד וויא דער שיין פון רעגין בויגין וואש ווערט פאר ווייהעט דורך דעם הויך פון דעם קלענסטין ווינד :

„פאלשע האפענונגען„ א אזעלכע האפענונגען וואש זיינען

פיל

פיל פאלשער אונ טריגירישער אלם אונזערע קינדעשע האפענונג · דען דאן דאש הייסט אין אונזער קינדהייט זעהען מיר אונז ארום באלד · אין דעם זעלבינין טאג דאש זייא זיינען פאלש · דאש זייא האבין אונז באטראגין · אונ אלם מיר זיינען שוין דער וואקסין לייפין מיר זייא נאך ביז דעם לעצטין טאג אונ נעמען זייא נאך מיט אין קבר · א מיר זיינען אויף דער עלטער נור אינגלאך וואש האבין זיך אויש גיריסין פון חדר · אונ וואש בייטין אויש זייערע קינדעשע שפיל זאכין אויף אנדערע שפילצייג וואש שיידין זיך ניט אונטער פון דיא ערסטע מער ניט וויא אין דעם דאש זייא זייען פיל שווערער צוא באקומען אונ ווייטער ניקסט :

נון ווייטער (המשך)

אונ דאך ערסט מיט נאכט צוא גלייך האב איך שוין גיוואוסט אויף קלאר דאש מיין שלח מנות טרעגער וועט שוין פאר גיווים ניט קומען · אונ ערסט האב איך מיר ארום גיזעהען דאש איך האב גיטאן איינע גרויסע דומהייט אן צוא טרויען אזעלכע טייערע זאכין איינעם אום באקאנטין איינגיל אונ האב מיך גיוואלט זעלבסט אויף עסין · אזו אבער גלויבין אונ טרויען זיך איין אונזערע גרוישע לייט אויך זייער אפט אין איינעם שווינדלער · מאכין אים פאר איין סרסור · פאר איין נאמן · נעמען אים פאר אמלמד · אונ אויך זייער אפט פאר איין איידעם אדער גאר פאר אמוכיח אונ מאכין אום גליקליך זיך אונ זייערע קינדער לדור דורים · אונ האב מיר אזו פאר שאלטין מיין לעבין וואש איך בין אריין אין דיזעם שמוציקין גישעפט · דען איך האב גיוואוסט אויף קלאר דאש איך וועל ארויש גיצויגין ווערין דער פאר אלם מיינע עלטערין וועלין גיוואר ווערין פון דיזעם שאדין · אונ האב אזו אויש גרויס פארדרוס גישליידערט דיא שלח מנות אן דער ערד מיט גרויס צארין · א אזו וועטרענע (פלאטערהאפט) וויא איך דאן אין דעם ענין פון שלח מנות

איז

איז דער מענטש אין אלע זיינע וויכטיגע ענינים וואש ער פאר לאנגט איצונד וויל ער עס שוין ניט שפעטער · דען וויא מיר זיינען אונבעשטענדיג אין אונזער קינדהייט אזו זיינען מיר אויך אין אונזערע דער וואקסנע יארין · אונ פון אונזער וויג ביז צו אונזער גראב (קבר) ציהען זיך נור בערג ליידין אונ פארדרוס וואש זיינען באוואקסין מיט דומהייטין · מיט חרטות · אונ מיט גרויש גריזאטע ‏:

אונ וויא מיר האבין פריער גיזאגט דאש דיא קינדהייט לאזט זיך זייער לייכט טרייסטין · ווארדיזער פאל איצונד אויך ביא מיר · דען איך האב מיך באלד פאר געסין אן דיא טעלער אונ אן דיא פאציילקעס אונ האב מיך ווידער אקער גיטאן צום טיש · גאר איבער נייעס צוא דיא שלח מנות ‘ קוים אבער האט זיך דער ערשטער שטראהל פון פריידין אויש גיברייטעט איבער מיין פארקימערטע אונ פינסטערע געזיכט · האב איך שוין דער הערט דאש אין קיך שטוב טוט זיך שוין מעשים · מיין מוטער צאנקט זיך שוין מיט דער דינסט איבער דיא צוויא ציגענע פארפיל טעלער וואש פעלין · עס איז דארט לארעם איבער לארעם · דיא מוטער שרייט · דיא דינסט וויינט · איך האב עס דער הערט אונ בין גיווארין וויים וויא קאלך אונ אין די זעלביגע מינוט וואר איך שוין גירופין אין קיך צוא אשלעצטוא וועגין דעם · איך האב מיך באלד מודה גיוועז דאש איך האב אין זייא אוועק גישיקט שלח מנות מיט אאינגיל וועלכין איך קען אים ניט אונ מען האט מיך דארט אויף דער שטעלע אראפ גיצויגין דיא הויט פון קאפ ביז דיא פים לכבוד דעם היילגין פורים אין וועלכין איך וואר שוין דעם פערטין מאל באשטראפט · דיא שלח מנות טרעגער האבין מיר צוא גיהאלטין פאר דיא פים · אונ דיא מוטער האט גישניטין גאר אן רחמנות · אונ עס וואר נאך גוט וואש זיא האט עס ניט דער ציילט דעם פאטער · אונ דאהער דאש ער זאל זיך ניט מערקין דאש איך האב גיוויינט האב איך אפ גיוואשין דאש גיזיכט אונ בין אריין אין

שְׁטוּב מִיט אֵיינֶער פְרֵיילִיכֶען מִינֶע אַזוֹ וִויא נִיט מִיר מַיינְט מָען עֶס׃ אוּנ הָאבּ זִיךְ גִיזֶעצְט לֶעבִּין דֶעם פָּאטֶער אוּנ דִיא לוּסְט צוּא שַׁלַח מָנוֹת הָאט זִיךְ וִידֶער אוֹיף גִיוֶועקְט אִין מַיינֶעם הֶערְצִין׃ אוּנ הָאבּ אַזוֹ צוּא גִיצוּפְּט פוּן דֶעם פָּאטֶערְס צוּקֶער גִיבֶּעק׃ אִיךְ הָאבּ אָן גִישְׁטָאפְּט דִיא קֶעסֶענֶעס׃ אוּנ אִיךְ בִּין גִיוָוארִין בַּאלְד בֶּאֶמֶת פְרֵיילִיךְ׃

## דִיא סְעוּדָה

דָאךְ דִיזֶע פְרֵיידֶע אָבֶּער וַואר פַאר מִישְׁט אוֹיךְ מִיט גְרוֹיס טְרוֹיעֶר בַּייא מַיינֶעם בַּאטְרַאכְטִין דָאשׁ דֶער טָאג אִיז שׁוֹין בַּאלְד אַוֶועק׃ דִיא אָוֶוענְד שָׁאטִינְס צִיהֶען זִיךְ אוֹישׁ וִויא דִיא לַאנְגֶע רִיזִין׃ אוּנ דִיא זוּן נֶעמְט שׁוֹין אָפּ שֵׁייד פוּן מִיר וִויא אַיין טַייעֶרֶער אוּנ אַיין לִיבְּלִיכֶער פְרַיינְד וָואשׁ אִיךְ הָאבּ אִים קוֹים דֶער לָעבְּט צוּא זֶעהֶען אוּנ אַיילֶעט זִיךְ שׁוֹין אָפּ צוּא רַייזִין אוּנ אַוָועק צוּא פָּארִין אִין אַגַאנְץ וַוייטֶע וָועג פוּן וָועלְכֶע עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין פִּילַייכְט נִיט צוּרִיק קֶערִין׃ אָ אַזוֹ אִיז אוּנְז צוּא מוּט אַלְס מִיר זַיינֶען שׁוֹין אַלְט זֶעכְצִיג יָאר אוּנ מִיר צִיהֶען אַרַיין אִין אַזֶעלְכֶע טָעג וָואשׁ מֶען קֶען פוּן זֵייא שׁוֹין גַאנְץ וֵוייִניג נַחַת דֶער לָעבִּין׃ נָאךְ בֶּעפָאר מִיר הָאבִּין אַיין גִישְׁטִילְט אוּנְזֶער לֶעבִּינְס לוּסְט׃ אוּנ בֶּעפְאר נָאךְ קַיין טוֹיזֶענְט טֵייל פוּן אוּנְזֶערֶע פְּלֶענֶע הָאבִּין זִיךְ אוֹישׁ גֶעפִירְט׃

אוּנ מַיינֶע עֶלְטֶערִין וָואשׁ וַוארִין גַאנְץ וַוייט פוּן דִיזֶע דַאמָאלְסְדִיגֶע הֶערְצֶענְס לֵיידִן מַיינֶע׃ אוּנ וָואשׁ הָאבִּין גָאר קַיין הַשָּׂגָה גִיהַאט וִויא שְׁלֶעכְט עֶס אִיז צוּא מוּט אִיהְרֶעם בֵּן יָחִיד וָואשׁ עֶר אִיז אָן גִיבּוּנְדִין מִיט לִיבֶּעסְקַייטִין אָן דִיזֶעם טַייעֶרִין יוֹם טוֹב הָאבִּין נָאךְ אוֹישׁ גִילַאסִין דִיא זוּן אַשְׁטִיק פַאר נַאכְט׃ דָאשׁ הַייסְט גַאנְץ בֶּעצַייטִין מִיט דֶעם וָואשׁ זֵייא הָאבִּין גִיהַייסִין דֶעם מְשָׁרֵת צוּא מַאכִין דִיא לָאדִין פוּן דִיא פֶּענְסְטֶער וָואשׁ וַוארִין גִיקֶערְט אִין גַאס דַאמִיט קַיין פַאר בַּייא גֵייעֶנְדֶער זָאל

זיך

זיך ניט איין קוקין אין שטוב בשעת מען וועט זיצין ביא דער סעודה · אונ האבין אזו פאר קירצט דיזין טייערין טאג אין זיינע בעסטע צייטין · דען אגאנצין טאג האט גירעגינט · גישנייט גאר אן אויף הערונג · אונ גראד פאר נאכט האט עש זיך זייער שיין אויש גילייטערט · א אזו גייט עם צוא דארט אין טעאטער דאש דער אקט פאלט דארט ארונטער גראדע אין דער לעצטע שצענע וואש איז צוא גלייך דיא שענסטע · אונ דער פובליקום בלייבט זיצין וויא באטראגין · אונ וויא ניט גיענדעט · אונ אזו אויך פאסירט מיט אונז דר וואקסנע מענטשין · דאש על פי רוב אין דיא בעסטע צייטין פון אונזערע ביסעלע יארין לאזט זיך אויס גאר אום גיריכטעהייט דער לעבין · אונ מען ווערט טראנספאטירט מיט עקסטרע פאצט אין איין אנדער וועלט :

נון פאר שטייט זיך דאש מען האט באלד אן גיצונדין דיא ליכט · אונ דאש געזינד האט זיך גיזעצט ארום טיש · פריילך · לעבעדיג · אונ דער פאטער אויבין אן · האבין זיך אונטער האלטין איינער מיט דעם אנדערין זייער לוסטיג · מיט גלייך ווערטלאך · מיט וויצין · אונ דער קעלעסאק האט פאר דרייט זיין קאפ דרייענדיק זיך אלץ ארום טיש · אונ מעהר אלם צוואנציג מיילער האבין אן גיהייבין צוא זינגען דעם זמר שושנת יעקב · אורה למרדכי · אונ איך מיט נאך אינגלאך פון דיא שכנים האבין דער ביא גיטאנצט גישפרונגען · אונ האבין אלץ צוא גישריען ,המן · מרדכי, אונ דיא טיר האט אלץ ניט גירוט פון דיא שלח מנות טרעגער אונ פון דיא נדבות קלייבער · עם זיינען גיקומען זקנים גיקליידעט זייער רייך מיט זילבערנע בעכערם אום אוים צוא נעמען רובילם · עם זיינען גיקומען פארנעהמע פרויען אין דיא הענד זיידענע פאציילעם אום אוים צוא נעמען גילדענם צווייא גילדענם · עם זיינען גיקומען גלאט פרומע ווייבער אויש צוא נעמען שטיקלאך חלה׳ המן טאשין · עם זיינען גיקומען דיא שטאט משרתים צוא באקומען פורים געלד · עם זיינען

גיקומען

גיקומען גלאט ארעמע לייט אונ האבין אן גישטעלט אהאנד · עם זיינען גיקומען זאגערלאך אונ האבין גיזאגט שטיקלאך תורה וואש האט ניט גיקלעפט איין ווארט צוא דעם אנדערין · אונ מיינע עלטערין האבין יעדערין פון זייא זייער שיין באפרידיגט יעדערין לפי כבודו :

דער ווייל האט זיך דיא מסבה בייא דעם טיש פאר גרעסערט פון מינוט צוא מינוט פון ארעמע באקאנטע קרובים בראווע פרומע לייט · מיינע עלטערין האבין זייא זייער פריינדליך אויף גינומען · א וויים דער ליבער גאט צוא ווען זיך שוין אזעלכע פרומע צייטין אום קערין · צייטין וואש וואַרין פיל בעסער אלם אונזערע צייטין · דען דאמאלם האט מען נור אריין גיקוקט אין הערץ פון מענטשין · אונ דאהער וואר דאן אויך איין ארעמער איין גוטער ברודער · היינט קוקט מען נור אויף איין שיינעם קלייד · ווער געלאנגט איז דער גיפינט איין פלאץ בייא דעם טיש איינעם פארנעהמען · ווער אבער ארעם אן גיצויגין איז ער מעג זיין פון שענסטין חאראקטער · דער ווערט גאר אין שטוב ניט אריין גילאזין · דער דינער דאלאזעט אים שוין ניט דען ער פרעגט שוין גאר ניט ווער ער איז :

אונ אזוי האט מען דער לאנגט דאש ערשטע גריכט · פיש · זיסע · זויערע · אונ שנאפס דא צווישין · אונ מיר אינגלאך האבין אלץ צווישין אונז גירעט פון דיא גרויסע פריידין וואש אונז שטייט נאך פאר צוא געניסין אין דיזעם אווענד · ערשטינס פון דיא פאר שידענע שפייזין וואש מען וועט דא דער לאנגען · אונ צווייטענס פון אונזער גיין נאך דעם עסין צוא אונזערע באקאנטע · וואש מען וועט נאך דארט מאכין פורים שפיל · נון וועלין מיר שוין גולאיען ביז טאג :

נון אבער בעפאר מען האט נאך אפ גיגעסין דיא פיש זיינען שוין איניגע פון אונז איין גישלאפין פון גרויש מיהע אונ באשעפטיגונג וואש מיר האבין אונז באשעפטיגט דעם גאנצין

טָאג אוּנ פוּן צוּא פִיל עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען אוּנ מֶען הָאט זַייא אַזוֹ אַוֶועק גִילֵייגְט אוֹיף דִיא בֶּעטִין אוּנ הָאבִּין אַזוֹ אַוֶועק גִישְׁלָאפִין בִּיז גְרוֹיסִין טָאג · אוּנ אַזוֹ זֵייגֶען זַייא זִיךְ אַיין גִישְׁלָאפִין אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערִין בִּיסְלַאךְ וַוייס · דֶער הָאט נָאךְ פַּאסְפֵּייעֶט צוּא עֶסִין בְּרָאטֶען · אַיין אַנְדֶערֶער הָאט נָאךְ זִיךְ דֶער הַאלְטִין בִּיז אִיבֶּער דֶעם פְלוֹימֶען צִימֶעס · אַיין דְרִיטֶער אִיז נָאךְ גִיזֶעסִין אַיין הַאלְבּ פַּאר שְׁלָאפֶענֶער בִּיז אִיבֶּער דֶעם גַאנְצִין טִישׁ אוּנ דֶער נָאךְ אִיז עֶר גִיפַאלִין אוֹיף דֶעם נָאז · אוּנ נוּר אִיךְ אֵיינֶער הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּערְיֶעט צוּא זַיין אוֹיף בִּיז אִיבֶּער דֶעם בֶּענְצִין · אוּנ הָאבּ זִיךְ גִישְׁטַארְקְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נָאךְ דֶעם אוּם צוּא גֵיין מִיט דֶעם פָּאטֶער עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְש וואוּ · אִיךְ הָאבּ מִיר אָבֶּער שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט הַאלְטִין אוֹיף דִיא פִיס · אוּנ הָאבּ מִיר אַזוֹ אֵיינֶע הִיפְּשֶׁע צַייט גִירַאנְגֶעלְט מִיט דֶעם שְׁלָאף בִּיז אִיךְ בִּין אַנִידֶער גִיפַאלִין וִויא אַיין שְׁנָאפִּיק · אוּנ בִּין אוֹיךְ אַיין גִישְׁלָאפִין בֶּעפָאר אִיךְ הָאבּ נָאךְ זוֹכֶה גִיוֶועזִן צוּא זֶעהֶען אַיין עֶטְוָואס פוּן אַלֶע פְּרֵיידִין וָואשׁ אִיךְ הָאבּ מִיר פָּאר גִישְׁטֶעלְט צוּא זֶעהֶען אוּנ צוּא גֶענִיסֶען :

אָט אַזוֹ נַארִין מִיר זִיךְ אוֹיךְ דֶער וַואקְסֶענֶע מֶענְטְשִׁין צוּא לֶעבִּין זִיבֶּעצִיג יָאר אוּנ אַזוֹ גָאר אַכְטְצִיג אוּנ הָאבִּין אִין זַייא גָאר דֶעם נַחַת אוּנ גָאר דִיא גְדוּלָה · אוּנ דֶער סוֹף אִיז דָאשׁ מֶען שְׁטַארְבְּט גָאר אַפוּלֶע פְּרִיעֶר · דֶער אַלְם קִינְד אוּנ דֶער אַלְם יוּנְגֶער מַאן · מַאנְכֶער אַלְם אַבֶּן אַרְבָּעִים · אוּנ קוֹים אֵיינֶער פוּן טוֹיזֶענְד לֶעבְּט אוֹיש זַיינֶע זִיבֶּעצִיג יָאר אוּנ דָאשׁ אוֹיךְ הָאט עֶר נִיט זוֹכֶה גִיוֶועזִן צוּא זֶעהֶען אַיין טוֹיזִינְט חֵלֶק פוּן דִיא גוּטְץ וָואשׁ עֶר הָאט גִיהָאפְט צוּא זֶעהֶען :

## „שׁוּשַׁן פּוּרִים"

דִיא נַאכְט אִיז אִיבֶּער גִילָאפִין זֵייעֶר שְׁנֶעל (גִיךְ) אוּנ דֶער טָאג הָאט אָן גִיהֵייבִּין אַרַיין צוּא רִינֶען אִין שְׁטוּבּ דוּרְךְ דִיא

שפאלטין

שְׁפַּאלְטִין פּוּן דִיא לָאדִין · דִיא דִינְסְט מַאד אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען פְרִיהֶער פַאר אַלֶעמֶען · אוּנ הָאט דֶער וִוירְט אִין שְׁטוּבּ אַגְרוֹיסִין בֶּעז פַּארַאדָאק · דֶען אַטֵייל פוּן דִיא גֶעסְט וָואשׁ הָאבִּין אַיין גִישְׁלָאפִין דָא אִין שְׁטוּבּ הָאבִּין נָאךְ שְׁטַארְק גִיחְרָאפֶּעט · זַיינֶען גִילֶעגִין אוֹיף דֶער עֶרְד וִויא דִיא וָואשׁ אִין אַיין שְׁלַאכְט אוּים גִיפַאלִין · דָען זַייא זַיינֶען אַיין גִישְׁלָאפִין וואוּ זַיי זַיינֶען גִישְׁטַאנֶען · גִיגַאנְגֶען · אוּנ דֶער דַאמְפּ פוּן בְּרַאנְפִין הָאט גִישְׁלָאגִין פוּן זַייעֶרֶע מַיילֶער · זִיא הָאט דֶער וִוירְט פִיל צוּא בְּרָאכֶענֶע טֶעלֶער · גְלֶעזֶער · דִיא טִישְׁטִיכָער פַאר גָאסִין מִיט מַשְׁקֶה אוּנ מַאנְכֶע שְׁטוּלִין אוּם גִיוָוארְפִין · אוּנ בֶּעפָאר זִיא הָאט נָאךְ אוּסְפֵּייֶעט צוּא מַאכִין אַשְׁטִיקִיל פַּארַאדִיק זַיינְען שׁוֹין אוֹיף גִישְׁטַאנֶען דִיא עֶלְטֶערִין אוּנ וַוארִין הֶעכְסְט אוּם צוּא פְרִידִין מִיט דִיזֶער אוּם אָרְדָענוּנְג · אִיךְ הָאבּ אוֹיף גִיוֶועקְט דִיא גֶעסְט · אוּנ הָאבּ זַייא אוֹישׁ גִירָעט וָואשׁ זַייא הָאבִּין צוּא פִיל גִיטְרוּנְקֶען · נוּן הָאט יֶעדֶערֶער פוּן זַייא אָן גִיהֵייבִּין צוּא זוּכִין זַיינֶע שִׁיךְ · זַיין גַארְטִיל · זַיין הִיטִיל · אוּנ הָאבִּין אוֹישׁ גִיזֶעהֶען עֶפֶּעס וִויא פַאר חָאלֶעמְטֶע אוּנ וַוארִין אִין כַּעס אוֹיף זִיךְ אַלַיין אוּנ הָאבִּין זִיךְ גִיאַיילְט וָואשׁ צוּם גִיכְסְטִין צוּא לַייפִין אַהֵיים אוּם אוּים צוּא הֶערִין דָארְט לִיבֶּע דְרָשׁוֹת פוּן דִיא וַוייבֶּער פַאר וָואשׁ זַייא זַיינֶען זִיךְ גֶעכְטִין פַאר לָאפִין פוּן זַייעֶרֶע הַייזֶער אִין דֶער פְרֶעמְד אוּנ הָאבִּין זַייא אִין דֶער הֵיים פַאר שְׁטֶערְט דֶעם יוֹם טוֹב · נִיט אַיינֶער וַואר בַּאטִיטֶעלְט מִיט דֶעם לִיבִּין נָאמֶען פְּיַאנֶעצֶע · זוֹלֵל וְסוֹבֵא · פְרֶעמֶדֶער טֶעלֶער לֶעקֶער אוּנ דָאשׁ גְלַייכִין אוּנ דֶער צוּא נָאךְ אַבִּיסִיל צוּא גִיוֵוינְט אוּנ צוּא גִישָׁאלְטִין :

אוּנ וָואשׁ זָאל אִיךְ שׁוֹין רֵיידִין פוּן מִיר אַלַיין · אִיךְ בִּין אוֹיף גִישְׁטַאנֶען גָאר אַיין צוּא טוּמֶעלְטֶער · עֶס הָאט גִינוּג גִידוּיעֶרְט בִּיז אִיךְ הָאבּ מִיךְ בַּאזִינְט וָואשׁ אִיז הַיינְט · אוּנ בִּין שִׁיר פוּן זִינֶען אַרָאפּ אַלְס אִיךְ הָאבּ מִיךְ בַּאקְלֶערְט דָאשׁ הַיינְט אִיז נוּר שׁוּשַׁן פּוּרִים · אִיךְ הָאבּ מִיר אָן גִיטָאן גָאר אָן לוּסְט אוּנ בִּין אוּם

גינאנגען

גינאנגען וויא איין צוא מישטער אונ וויא איין בעקאסוועטער
אונ האב גידאוועגט גאנץ שטיל אונ פאר קימערט וויא אום
תשעה באב · דער ווייליע איז גיווארין אין שטוב ביסלאך וויים
איין עטוואס ארדענונג · אונ דאן האב איך גינוג צייט גיהאט
צוא באטראכטין מיט קאלטין בלוט · דאש פון דיא גאנצע געכטיגע
נהמות איז מער ניט גיבליבין וויא איין טישטוך אויף דעם טיש ·
איין עטוואס שלח מנות דער צו · אבער אויך דיא זינדע פון דיא
זיידענע שנופטיכער וואש מיין שלח מנות טרעגער האט זייא
פאר שלעפט אונ פאר וועלכע איך וועל נאך דארפין גינוג ליידין
אונ באצאלין דער פאר מיט בלוט אונ מיט טרערין :

נון בין איך מיר פאר בליבין דעם גאנצין טאג אין שטוב
גאנץ פאר קימערט אונ האב נאך גאט גידאנקט דאש איך בין
נאך דיזען טאג פרייא פון חדר · אונ וויא איך האב שוין עטליכע
מאל פריער גיזאגט דאש דיא קינדהייט לאזט זיך לייכט טרייסטין
אזו וואר דיזער מיט מיר אויך איצונד · דען וויא איך האב נור
גיזעהען דורך דעם פענסטער דאש מאנכע פאר שפעטיגטע געסטע
וואש האבין גינעכטיגט אנדערם וואו גייען אהיים נאך אין
שטרייטמעלאך · אונ דער צוא נאך באנדעם פורים שפילער וואש
גייען אום צוא שפילין אין די הייזער וואו זייא האבין ניט פאספייעט
נעכטין צוא שפילין · האב איך אן גיהייבין איבער גייעם פריילין
צוא זיין · אונ בין גיווארין ווייטער פורימדיק אונ האב אן גיהייבין
צוא שפריגען צוא זינגען · דיזע פריידע וואר אבער אויך ניט פון
לאנגין דויער דען עס איז גיקומען צום טייוועל דער באהעלפער
אוועק צוא פירין מיר אין חדר · נון פאר שטייט זיך דאש איך
האב ניט גיוואלט בויען אין חדר אונ עס איז גיווארין גרוים לארעם
אונ געצאנק צווישין מיר אונ אים אונ דער ווייסט וואש עס
וואלט זיך אויש גילאזט דער פון ווען דיא דינסט מאד וואלט
זיך ניט אריין געמישט אין דעם · זיא האט אים גיגעבין אשנאפס
אלעקאך פאר בייסין אונ האט אים אזו איין גישטילט דער מיט ·

דען באמת האט ער מער ניט גימיינט וויא דאש · אונ איז זיך אזוי אוועק גיגאנגען לשלום אהיים · אונ איך בין מיר גיבליבין זיצין אין שטוב אגאנציין טאג עפעס וויא איינער וואש האט זיך ארויש גיראטעוועט פון אגרוישי גיפאהר · מיינע שרייערם אונ מיינע המן קלעפלאך לעבין מיר אונ האב דער ביא אויש גיזעהן וויא דער מקונן (קלאגער) ירמיהו הנביא בייא דיא חורבות פון ירושלים · אונ אזוי זיינען מיר פאר קימערט אלם מיר זיינען שוין אבן שבעים אונ טראנספאטירען אלע אונזערע האפענונגען אין איינער אנדערע וועלט :

אזוי איז זיך איבער גיגאנגען אויך דער שושן פורים · דער לעצטער פריידין טאג איבער מיר וואש זיין ענדע וואר מיר ביטער וויא דיא לעצטע קראנקייט וואש מען דארף שוין פון איר שטארבין · אדער בעסער צוא זאגין וויא דיא גסיסה זעלבסט · דען בעפאר איך האב מיר גילייגט שלאפין האט זיך דיא מוטער ארום גיזעהען ארום דיא צוויא זיידענע פאציילקעס וואש זיינען דורך מיר פאר לארין גיווארין · נון פאר שטייט זיך דאש זיא האט שוין דער ביא ניט גידארפט פיל קלערין דאש דער עמער איז גיגאנגען נאך דער שטריק · דאש הייסט דאש די פאציילקעס זיינען מיט גיגאנגען מיט דיא טעלער אונ מען האט מיר אריין גיהאקט דאש איך האב גיזעהען אלע זיבין הימלען · אונ בין אזוי איין גישלאפין נאך דיזער באד זייער שווער אונ גאנץ בעטריבט מיט דעם וואונם דאש איך זאל שוין מארגין ניט אויף שטיין · אבער וואש האט עם מיר גיהאלפין · קוים וויא עם איז גיווארין טאג האט מיר אן גיהייבין איינע זייער הארטע האנד צוא וועקין · אונ דאש וואר דער באהעלפער · ער וואר מיר דאם זעלביגע וואש דער מלאך דומה איז בייא דעם אקארסט באגראבענעם רשע וואש ער וועקט אים אויף אום צוא שטעלין אים פאר דעם גרויסין ריכטער · ער האט מיר באלד אפ גיפירט אין חדר · אונ דארט האט דער רבי גימאכט מיט מיר גאר אנייעם רעכענונג

איבער

איבער דיא טעלער · איבער דיא פאציילקעס · איבער מיין לייפין אין גאס · איבער מיין אונארטיג זיין אין שול · אונ האט מיר באצאלט אנגולנע פאר אלע דיזע זאכין זיבין מאל מעהר אלס געכטין · דאס דיא געכטיגע שמיץ האבין אים גיזעהען אנטקעגין דיזע שמיץ וויא האנד געלד אנטקעגין דיא גאנצע סומא · דאס איך האב דאן מיט רעכט פאר שטאנען דעם מאמר החכם (שפריכווארט) דאס דער טויט איז שווערער פאר אלע צרות וואס מען איז אויש גישטאנען אין לעבין ביז אים · אונ איז צוא גלייך פיל לייכטער פאר אלע צרות וואש מען האט אויש צוא שטיין נאך דעם דארט אין יענעם עולם :

„דאש ענדע„

אט אזוא זיינען איבער גילאפין איבער מיר דיזע צוויא טייערע אונ ליבליכע טעג וואש איך האב אויש געקוקט מיינע אויגין אויף זייא אגאנץ יאר · מיט לארעם אונ מיט גישרייא · מיט קלעפ אונ מיט שמייסערייא · מיט אזעלכע אום גליקין וואש איך האב ניט גיהאט פון זייא קיין שום השגה אין דעם פאריגין פורים · ווייל דער פאר שטאנד פון מענטשין איז ניט אין שטאנדע צוא פאר שטיין זיך פון איין אומגליק אויף דעם אנדערין אום זיך איין צוא היטין פון אים איבער איאר · אט אזו למשל האט מען אים היינט אריין גינארט אין אזאק · היטעט ער זיך שוין צוואר פון אזאק אבער ניט פון אזיך ווייל דאש האט שוין איין אנדער נאמען · אונ דאהער ווען דער מענטש זאל לעבין טויזינט יאר וועט ער אליץ ניט וויסין איין צוא היטין זיך פון נייע מכשולים · נאפאליאן דער ערסטער האט זיך זייער פאר אירט מיט דעם וואש ער איז גיגאנגען מלחמה האלטין אין דאש ווייטע רוסלאנד · אונ איז גיווארין דורך דעם העכסט אום גליקליך · אונ דאך איז נאפאליאן דער דריטער דורך דעם ניט קליגער גיווארין אונ האט גישיקט זיין ארמייא צוא פירין קריג

קיין מעקסיקא וואס איז נאך פיל ווייטער אונ האט גיהאט אויך אנגרוישע מפלה. אונ דאס איז נור וויל דיזעס לאנד האט איין אנדער נאמען זיא הייסט אמעריקא. דאהער קומט ביי מיר אוים דאס מיר דער וואקסענע מענטשין זיינען ניט קליגער פאר דיא קלענסטע קינדער. מיר שטייגין זייא איבער מער ניט וויא מיט אונזער ביסיל גענימקייט אין דיא עניני העולם דער פאר שטאנד בלייבט אבער דער זעלביגער. דיזע מיינונג מיינע שטימט זייער איין מיט דעם ענין פון השארת הנפש (אום שטערבליכקייט) דאס הייסט דאס דער נפש שטארבט ניט מיט דעם גוף צוא זאמען. וויל דער איז איין מורכב. דאס הייסט ער איז צוא זאמען גיזעצט פון פילע טיילין. ניט אזו אבער איז דער נפש ער איז איין דבר פשוט. נון ווען דער שכל וואלט וואקסין וואלט ער דאך שוין אויך גיווען איין מורכב. דען אונטער דעם ווארט וואקסין הייסט דאס עס קומען צוא נאך טיילין. אונ צווייטענס האב איך פראקטיש גילערינט פון מיינע אייגענע צוויא קינדער. איין זון אונ איינע טאכטער. איך האב זייא באטראכט אלס זייא ווארין נאך גאנץ קליין. אלס זייא האבין זיך נאך גישפילט אין זאמד אונ אין שטיינדלעך. האב איך אין זייא דער וויסט דעם גאנצין פאר שטאנד פון איינעם דער וואקסענעם מענטשין וואס זייא האבין אים באנוצט צוא זייערע קליינע שפילערייען:

אונ אלס ער וואר נאך אלט איאר פיר האט ער גיריסין אויף איין שטעקין אן גיטריבין מיט אבייץ אונ האט דער ביי גישריען אונ געהוקעט וויא איין עכטער בעל עגלה. האט גיבויט שטיבלאך. האט גימאכט אקראם אונ האט פאר קויפט סחורה וויא איין סוחר מיט שבועות אונ מיט קללות. ער האט זיך גימאכט פאר אסאלדאט אונ האט זיך גימסטירט. אונ האט זיך באלד דער דינגט פאר איין אפיצער. אונ צייטין ווייס איז ער גיווארין גאר אבעל תפלה. ער האט זיך אן גיטאן אטלית. האט זיך

זיך גישטעלט פאר דעם עמוד · האט גיזונגן · גיוויינט · אונ האט גימאכט הקפות · אונ דער נאך האט ער זיך גימאכט חתונה · אונ ער האט זיך דער לעבט קינדער · אונ ער האט זייא מדריך גיווען · האט באדויערט דיא שלעכטע צייטין · דער נאך האט ער זיך גימאכט פאר איין אלטין מאן אונ איז גיגאנגען גיקנייצט אונ גיבייגט אונ אונטער גיהוסט :

אונ זיא האט זיך גימאכט איינע פופע (לאלקע) אונ האט איר גינאנצעט וויא איינע הייסע מוטער · באלד פלעגט זיא איר ווערין קראנק אונ פלעגט ווערין העכסט באזארגט וועגין איר · פלעגט איר איין געבין רעצעפטין · צדקה טיילין · ארום האלבין טאג האט זיא איר חתונה גימאכט מיט גרויס גיזעגנגע אונ טענץ · נאך אביסיל איז שוין דיא פופע גיגאנגען גאנץ שווער צו קינד · אונ אזו האבין זייא ביידע נאך גימאכט אלע שצענען פון לעבין וויא עס פאסירט זיך אין דער ווירקליכקייט ביז זייא פלעגין איין שלאפין וואו זייא זיינען זיך גישטאנען · אויך האבין זייא פאר שטאנען אויש קאפפערין פון מיר אקאפייקע וויא איך איצונד דעם רובל מיט גרויש חריצות · זייא האבין גיוואוסט צוא בעטין עס צוא דער רעכטער צייט אונ דאש מיט גרויש חניפה · נון הייסט עס דאש מיר זיינען נור דער וואקסענע קינדער · אונ מיר קענען גאר ניט שטאלצירין אויף אונזער חכמה וויא מיר זאגין אין אונזער גיבעט (מה אנחנו מה חיינו כו׳ ונבונים כבלי השכל) · אונ קענען אויש לאזין נאך דער צוא (ומותר האדם מן הילד אין) דאש הייסט דער וואקסענער מענטש איז ניט קליגער פאר איין קינד :

# אֵייגֶע חַאראַקְטֶער פְּרָאבֶּע

---

אונ נִיט נור אִין דֶעם שְׁפִּיל פוּן זַייֶנע קִינְדֶער שְׁפִּיגֶעלְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אָפּ · גַיין זֶעלְבְּסְט אִין זַיינֶע הויז טְהִירֶע (הויז בַּאשֶׁעפֶּענִעם) וָואשׁ זַיינֶען מִיט אִים אִין שְׁטוּבּ · דָאשׁ מֶען קָען אִים זַייעֶר לַייכְט אַרוֹיס פַאר שְׁטֵיין פוּן זַייעֶרֶע מָאנִירִין וְויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (מלפנו מבהמות הארץ ומעוף השמים יחכמנו) גָאט בֶּעלֶעהְרִינְט דֶעם מֶענְטְשִׁין דוּרְךְ דִיא פִיהֶע פוּן דֶער עֶרְד אונ דוּרְךְ דִיא פֵייגִיל פוּן הִימִיל :

אִין דִיא צַייטִין פוּן הוּרְדוּם הַמֶלֶךְ וַואר אַיין גְרוֹישֶׁער מַאן אִין יְרוּשָׁלַיִם וָואשׁ עֶר הָאט גִיהֵייסִין אֲחִיאָב · עֶר וַואר פְּרוּם אונ גוּט גָאטֶעם פִירְכְטִיג אונ וַואר דֶער צוּא פִיל רַייכֶער אַלְם אַלֶע גוּטְם בֶּעזִיצֶער פוּן גִלְעָד · דֶען עֶר הָאט גִיהַאט זַייעֶר פִיל פִיא אונ גִיטֶער אונ הָאט גִיהַאט מֶער נִיט וְויא אֵייגֶע טָאכְטֶער וָואשׁ הָאט גִיהֵייסִין אֲבִיגַיִל אַיין שֵׁיינֶעם מֵיידְכֶען · דִיא פֶּערְלֶע פוּן אֶרֶץ יְהוּדָה · אונ וַואר דֶער צוּא זַייעֶר גוּט עֶרְצוֹיגִין אִין גָאטֶעם פוּרְכְט אִינ אויךְ גוּט גֶעבִּילְדֶעט · אונ דַאהֶער וַוארִין זַייעֶר פִיל פוּן דִיא גְרֶעסְטֶע יוּנְגֶע לַייט וָואשׁ אִיר הָאבִּין גִיוָואלְט נֶעמֶען פַאר אַפְּרוֹיא · נוּר דֶער פָאטֶער הָאט אִיר נִיט גִיוָואלְט אַוֶועק גֶעבִּין זֶעלְבְּסְט פַאר דֶעם בֶּעסְטִין פוּן זַייא וואו עֶר זָאל אִים נִיט פְרִיעֶר אויש פְּרוּבִּירִין צוּא אִיז עֶר וִוירְקְלִיךְ אַזוֹ בְּרַאוו וְויא עֶר צַייגְט זִיךְ · אונ דַאהֶער הָאט עֶר גִימַאכְט בַּייא זִיךְ אַיין מָאלְצַייט אונ הָאט אַיין גִילַאדִין דֶער צוּא פִיר זַייעֶרֶע גְרֶעסְטֶע וָואשׁ הָאבִּין זִיךְ גִישַׁאדְכֶענְט צוּא זַיין טָאכְטֶער · הָאבִּין מִיט גִישְׁפַּייזְט מִיט אִים אונ דִיא אֲבִיגַיִל וַואר אויךְ בַּייא דֶעם טִישׁ :

אונ עֶם וַואר אַלְם מֶען אִיז גִיוָוארִין פְרֵיילִיךְ בַּייא דֶעם וַויין הָאט דֶער אֲחִיאָב גִיהֵייסִין אַרַיין בְּרֵיינְגֶען אִין דֶעם שְׁפַּייז זַאל אַיין פַּאפֶּעגַייא אונ אַיין אַפֶּע (אַבּוּזַאנֶע) וָואשׁ וַואר בַּייא אִים אִין הויז פוּן לַאנְג אָן דָאשׁ זָאל זַייא אַבִּיסִיל לוּסְטִיג מַאכִין ·

נון האט דיא אפע גימאכט זיינע גיוואונליכע שפאסע · ער האט
גיטאנצט · נאך גימאכט דיא מינע פון יעדערין באזונדער ; האט
זיך גיקרימט · גישאקעלט · גיכוסטירט · גיצערענט · גיווארין
גוט · אונ דיא פאפעגייא האט נאך גיפלוידערט זייער יעדין
ווארט ; האט גישפראכין וויא איין אלטער מאן אן ציינער ·
גיבענצט · גישאלטין · גילויבט · גיזידעלט אונ דאש גלייכין · אונ
דיא געסטע האבין זיך זאט אן גילאכט · האבין זייא ביידין זייער
בעלויבט אונ האבין גיזאגט · וויא מיר לעבין דאש מען דארף
קיינע בעסערע לוסט שפיל (קאמעדיע) אלס דיזעס, אונ דאהער,
האט זיך דער אחיאב אפ גירופין · וועל איך זייא לאזין זיין
איין אכטאג ביי יעדערין פון אייך · דאמיט איר זאלט דיזע
פריידע האבין ביי אייך אין הויז :

אונ האט אזו גיהייסין זיין קנעכט דאש ער זאל אפ פירין
אויף דיא ערסטע וואכע צוא דעם בחור אליהו וואש וואר דער
פארנעמסטע אונטער זייא · דען זיין פאטער וואר דער שר הצבא
(פעלד מארשאל) · אונ זייא האבין זיך פאר זאמט ביי איהם
גאנצע זיבין טעג · אונ נאכהער האט מען זייא אפ גיפירט
אויף איינינע טעג צוא דעם אחיאב · האט ער באמערקט דאש
דיא אפע וואש וואר ביז אהער אגאנץ ניכטערנע באשעפענעס
אונ וואש פלעגט זיך צוא בענוגענען נור מיט דעם ווינציגען
וואש עס פלעגט צוא בלייבין פון דעם וואש דיא יונגען האבין
גיגעסין · איז אין דער אכטאג וואש ער וואר ביי דעם בחור
אליהו איז גיווארין איין פרעסער אונ איין זויפער · שלאגט דיא
קנעכט ; רייסט זייא אויש דיא האר · טרייבט ארויס דיא ארעמע
וואש קומען אנדבה בעטין · אונ אזו אויך דער ראבע פלוידערט
נור אום פאר שעכטע לידער · נבול פה · אונ זאגט צוא יעדין
ארימאן ארויס פון מיין שטוב, גיין מיין קינד, האט דאן דער
אחיאב גיזאגט צוא זיינער טאכטער · דיזער אליהו פאסט ניט
צו זיין דיין חתן · דען איך פאר שטייא פון דיזע צווייא באשעפענעס

דאס

דאש ער איז העכסט פארדארבען · ווייל דאס וואש זייא טוען האבין זייא עם געווים אפ געקוקט אונ זיך אנגעהערט פון אים · דוא האסט רעכט ליבער פאטער האט זיא אים גיענטפערט · אונ אזוי האט דער אחיאב גיהייסען זיין קנעכט אפ צוא פירין זייא ביידין צוא דעם צווייטין אונ דאש וואר דער עזריקם וואש וואר איין אויבעריסט (פולקאוניק) אונ וואר זייער גרויש ביייא דעם קיניג · אונ האבין זיך בייא אים אויך זיבין טעג פאר זאמט אונ האבין צוריק אויך קיינע בעסערס גיבראכט פון זיין הויז צוא דעם אחיאב · דען דער אפע פלעגט זיך ארויף צוא ווארפין אויף יעדע ווייבס פערזוין וואש איז נור אריין אין שטוב פלעגט איר קוסין · איר מאנטעל הייבען · אונ דיא פאפעגייא דאס גלייכען פלעגט צוא איר זאגין קום אהער שיינע פרויא ליבעס מיידכען · איך גיב דיר צעהען דוקאטען אלס לוין פאר דיינע ליבע צו מיר · א מיין קינד׳ האט דער אחיאב גיזאגט צוא זיינער טאכטער · דעם וויל איך אויך ניט איך בין אים ממאס דען ער איז פאר גיווים אויש גילאסין :

אונ האט זייא ביידין באלד אוועק גישיקט צוא דעם דריטין וואש האט גיהייסין אדונירם וואש וואר דער מיניסטער · זייא ווארין בייא אים זיבין טעג אונ האבין צוריק גיבראכט מיט זיך נייע פארדארבענהייטין · דער אפע האט נור גישפילט אין קארטין · אונ דיא פאפעגייא האט אלץ גישריען „אויבער אייבעל · אונטער רויץ ; טויזי סעלען · וויא דער סדר פון קארטין שפילער איז · א דער איז ניט בעסער פאר יענע ערשטע צווייא · האט ער גיזאגט צוא זיינער טאכטער · אונ ניט ער פאסט דיר פאר אמאן · אונ האט זייא באלד אוועק גישיקט צוא דעם פערטין וואש האט גיהייסין שלמון · ער וואר איין זון פון דעם סגן הכהנים · האבין זיך פאר זאמט בייא אים זיבין טעג אונ האבין גיבראכט מיט זיך צוריק אין דעם אחיאבס הויז וואש בעסערס · אזוינס וואש דער אחיאב אונ זיינע טאכטער האבין גיוואונשין · דער אפע האט זיך אימער באשעפטיגט

צוא בלעטערן ספרים · צוא טענטלען מיט טינט אונ פעדר · איז גיקומען דעם ארעמאן אנטקעגין מיט ברויט אונ מיט טראנק · אונ דיא פאפאגייא האט געגריסט זייער פריינדליך יעדערין וואש איז אריין אין שטוב · אונ האט אים גיבענצט בייא דעם ארויש גיין „א מיין טאכטער” האט דער אחיאב גיזאגט צוא דער אביגיל · דיזער מאן גיפעלט מיר שוין אונ דעם וויגץ איך דיר צוא האבין פאר אמאן · אונ האט איר מיט איב פאר הייאטהעט :

## דער קלוגער שדכן.

בייא איינעם יונגין מאן איז גישטארבין אוייב · אונ עס וואר אלם זיא איז נאך גילעגין אויף דער ערד · האט זיך אריין געשליכען צוא אים איין שדכן אונ האט אים אן גיהייבין צוא ריידין אשידוך · גאט איז מיט אייך · האט זיך דער מאן אפ גירופין · וויא האט איר עס ניט קיין חרפה אונ קיין בושה צוא ריידין מיר אשידוך בשעת מיינע פרויא ליגט נאך אויף דער ערד · נון האט דער שדכן גיווארט ביז מען האט איר ארויס געפירט · אונ בייא דער לויה האט ער ווייטער אן גיהייבין צוא ריידין אים מכח דעם שידוך · אונ יענער האט אים ווידער גיענטפערט וויא פריער מיט נאך מעהר צארין דאש ניט איצונד איז דיא צייט פון שידוכים ריידין · אונ דיא וועלביגע אנטווארט האט דער שדכן פון אים גיהאט אלם ער האט זיך פארזוכט צוא ריידין אים אין שבעה · אונ אזו אויך אין שלשים · אונ אלם דער שדכן האט ווייטר אן גיהייבין צוא ריידין דער פון האט אים דער מאן גיענטפערט · עס איז איצונד גאנץ איבעריג אייערע רייד אונ אייער מיהע · דען עס איז היינט בייא נאכט חופה בייא מיר „אונ מיט וועמען„ האט ער אים גיפרעגט · מיט אזעלכע וואש איך האב שוין לאנג אפ גירעט · נון פאר שטייט זיך דאש דער שדכן איז אוועק פון אים מיט אפאר זויערטע מינע ·

אונ

אוּנ וַואר זַייעֶר בֵּייז אוֹיף אִים :

אוּנ דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט וִוירְקְלִיך קֵיין לִיגִן גִיזָאגְט · דֶען עֶס וַואר בַּייא אִים אִין דֶער זֶעלְבֶּע נַאכְט חֲתוּנָה · אוּנ עֶס וַואר אַלְם עֶר וַואר נָאך אַלֵיין אוּנְטֶער דֶער חוּפָּה אוּנ הָאט גִיוַואֹרְט אוֹיף דִיא כַּלָה · אִיז גִיקוּמֶען צוּא אִים וַוייטֶער דֶער שַׁדְכָן אוּנ הָאט אִים אָן גִיהֵייבִּין צוּא רֵיידִין נַוייטֶער אַשִׁידוּך "אִיך פַּאר שְׁטֵייא אַייך נִיט" הָאט זִיך דֶער יוּנְגֶער מַאן צוּא אִים אָפּ גִירוּפִין · צוּא אִיר זַייט מְשׁוּגָע · חָסֵר דֵעָה · שְׁטַייט וִויא וַואגְט אִיר אַייך מִיר פַּאר צוּא שְׁלָאגִין אַשִׁידוּך אוּנְטֶער דֶער חוּפָּה „נֵיין מַיין פְרַיינְד" הָאט אִים דֶער שַׁדְכָן גִיעֶנְטְפֶערְט · אִיך בִּין נִיט מְשׁוּגָע אוּנ נִיט חָסֵר דֵעָה גְרַאדֶע אוּם גִיקֶערְט אִיך בִּין אִין דֶעם רֶעכְטִין פַּאר שְׁטַאנְד · דֶען וִויא אִיך פַּאר שְׁטֵייא אִיז גְרַאדֶע אִיצוּנְד דִיא רֶעכְטֶע צַייט צוּא רֵיידִין אַייך אַשִׁידוּך · דֶען זָאנְסְט וֶועל אִיך פַּאר זַאמֶען · וַוייל אִיך זֶעהֶע אַיין הָאט אִיר דִיוֶען שִׁידוּך אָפּ גִישְׁטֶעלְט בַּייא אַייעֶר עֶרְסְטֶע חוּפָּה · אָדֶער אַם וֵוייִנִיגְסְטִין בְּשַׁעַת אַייעֶר עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ הָאט נָאך גִילֶעבְּט · נוּן אִיז שׁוֹין גָאר נִיט אוּם פַּאם אוּם פָאר צוּא שְׁלָאגִין אַשִׁידוּך אוֹיך אִיצוּנְד · אוּנ פִילַייכְט וֶועל אִיך אוּים לֶעבִּין מִיט אִיר דִיא יָארִין · הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט „אָ נֵיין" הָאט אִים דֶער שַׁדְכָן גִיעֶנְטְפֶערְט פַּאר אַזֶעלְכִין וִויא אִיר וָואשׁ בַּאשְׁטֶעלְט אַשִׁידוּך פַּאר דֶער וַוייבְּם לֶעבִּין קֶען שׁוֹין אַוַוייבּ נִיט מַאֲרִיךְ יָמִים זַיין :

בית הספרים הלאומי
ירושלים